STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00202

# GOLD UN FAYER

## Moses Schulstein

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Alfred & Lee Hutt*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה שולשטיין / גאָלד און פּייער

הילע: יצחק רייזמאַן

**M. SZULSZTEIN**

GOLD UN FAÏER

(OR ET FEU)

FABLES ET POÈMES

COPYRIGHT BY M. SZULSZTEIN, PARIS 1962

PRINTED IN FRANCE

IMPRIMERIE ABECE
21, RUE JULIETTE DODU, PARIS Xe

משה שולשטיין

# גאָלד און פײַער

משלים און לידער

אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט
פאַריז 1962

איך האָב מיט מענטשיש לשון רעדן אָפּט געלאָזט
זאַכן, צמחים, חיות — שטומע צינגער,
וואָס ווייסן נישט פון חכמות — זענען אָפן, פשוט, פראָסט —
ס׳זאָלן פון די ש ט ו מ ע צינגער לערנען ר ע ד נ ד י ק ע בייזע צינגער
און ס׳זאָל אַ קאַפּעטשקע דערפון אונדז ווערן אויפן האַרצן גרינגער.

# I

# די נוס און דער ניסנקנאַקער

א קלאַפּ מיט ניס און צווישן זיי אין פולן גלאַנץ —
דער ניסנקנאַקער — זייער מלאך־המוות.
זיי בעטן רחמים, אַז ער זאָל זיי לאָזן גאַנץ,
פאַררופן זיך אויף יחוס, אויף זכות אבות.
באַשלאָסן האָבן זיי אַ דעלעגאַציע שיקן,
פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל זיי נישט אַזויפיל דריקן
מיט זיין צוואַנג פון פינקלענדיקן ניקל,
וואָס אָנגיין וויל ער פאַר אַ צאַצקע, אַן אַנטיקל,
ווייל אויסערלעך איז ער געשליפן, וואָס אַן אמת, פיין,
באַשאָנקען מיט מאַניערן ווי ביים טיש זיך אומצוגיין,
נאָר ווער־זשע אָבער ווייסט נאָך אַזוי גוט ווי זיי
ווען ס'קוועטשט דער ניסנקנאַקער און טוט ווי
מיט זיין איידלקייט, באַנעמונג, עלעגאַנץ,
און מיט זיין שיינעם אויסערלעכן גלאַנץ.
בכן האָט זיך צונויפגערעדט דער גאַנצער קלאַפּ,
געקומען צו אַ הסכם, אויסגעוויילט אַ ראָש,
אַ ראָש־הניס, וואָס זאָל פאַר אַלע זיך באַקלאָגן:
מען קען נישט מער די צוואַנג אַריבערטראָגן.

וואָס־זשע האָט ער, דער בעל־דבר, זיי צו זאָגן ? —
אַן עוולה, יאָ, אַן עוולה, האַלט ער, איז עס טאַקע,
נאָר גאָרנישט איז אין אים אַליין געווענדט,
ס'קען דוכטן, אַז ער איז איבערן קלאַפּ דער גאַנצער קנאַקער,
נאָר אין דער אמתן ליגט ער אַליין אין יענעמס הענט,
און אויב ער קוועטשט און דריקט צונויף די נוס
איז דאָס נישט ווייל ער וויל, נאָר ווייל ער מוז.

# דער שטאַם און די בלעטער

אַ צער איז צו זען ווי סוף זומער אין פּאַרק
דאָס בלעטערוואַרג וואַלגערט זיך אונטן, ביים שטאַם;
געפאַלענע — טוליען זיך אַלע צוזאַם,
מיט לעצט ביסל חיות מען קלאַמערט זיך שטאַרק,
מען נעמט אים אַרום מיט געבעט, מיט געוויין —
מען וויל נישט פאַרגיין,
מען וויל נישט פאַרגיין,
נישט ווערן פון ווינטן געפאַטשט און געטריבן,
פון זויל און פון בעזעם פאַרקערט און צעריבן.
איז דאָס דער סך־הכל?
איז דאָס דער סך־הכל?
עס האָט דאָך ערשט נעכטן אין זון יעדעס בלאַט
געברענט ווי אַ פאַקל,
ס'האָט יעדער זיין צירונג און כבוד געהאַט —
באַהאַנגען מיט טוי־טראָפּנס — טייערסטע פּערל,
באַזונגען פון נאַכטיגאַל, שוואַלב און פון שפּערל.
איצט דאַרף מען שוין ליגן אין פוילעניש, מיסט...

— עס איז אייער קלאָגן זיך, בלעטער, אומזיסט —
די שטים פונעם בוים איז געלאָסן, באַזאַכט —
נישט איך האָב דעם סדר־העולם געמאַכט,
עס איז פון קדמונים אַזוי, מיינע בלעטער,
ווען ס'קומט־אָן דער ווינט מיט געשמיץ און געשמעטער.
געפאַלענע — זייט נישט געפאַלן ביי זיך!
אַ צייט איז פאַראַנען
פאַר בלי און פאַר וויאַנען —
דאָס האָט שוין געזאָגט עמעץ אַנדערש, נישט איך.

באַלד אָנקלאַפּן וועט אין מיין קאָרע, מיך וועקן
אַפּריל — און אויפּסניי מיך מיט בלעטער באַדעקן.
אַזוי איז פון שטענדיק: בלאַט הולך — בלאַט בא.
אין יענער באַשערטער אומגליקלעכער שעה
ווען איר פון דער ליכטיקער וועלט שיידט זיך אָפּ
און ס'פליקט אייך דער האַרבסט־ווינט — די קרוין פון מיין קאָפּ —
און וואַרפט מיך און שליידערט און רייסט פון מיר שטיקער —
באַוווּסט זאָל אייך ווערן: דער שטאַם איז דער עיקר,
דער שטאַם איז דער עיקר.

# די שווערד און דאָס כירורג־מעסער

איינמאָל קומט אַרויס די שווערד פון שייד
מיט אַ טענה צו דעם כירורג־מעסער:
דו אַזוינער, וואָס דו האַלטסט זיך פאַר אַ גאַנצן לייט,
כ'בין פון דיר אַ ביסל עלטער און אַ ביסל גרעסער!
וואָס־זשע איז מיט דיר דער מער
וואָס מען האַלט פון דיר גאָר מער?
אַזביידע מיר פון זעלבן חומר שטאַמען,
ווי פון איין מאַמען,
און ס'האָט דאָס פייער אונדז געברענט, געגליט,
געפורעמט און געשמידט,
און ביידע האָבן מיר דעם זעלביקן באַרוף:
שניידן מענטשן־גוף.
פונקט ווי איך, פאַרגיסטו בלוט, פאַרשאַפסטו ליידן,
און פונקט ווי איך, דו ווייסט נאָר: שניידן, שניידן, שניידן.

אויף דעם דאָס כירורג־מעסער ענטפערט אָפּ דער שווערד
גאָר שאַרף און שניידיק:
ס'איז אמת, אַז מיר שטאַמען פונעם זעלבן חומר ביידע
און אַז עס איז איין מאַמע אונדז די ערד

און אַז דער זעלביקער באַרוף איז אונדז געגעבן:
שניידן גופים, אברים און הויט,
נאָר אַ חילוק איז פון שניידן ביז צו שניידן,
ווייל אַז דו שניידסט — פאַרשניידסטו לעבן,
און איך — דעם טויט.

די שווערד, דערהערנדיק דעם כירורג-מעסערס שאַרפע רייד,
האָט גלייך פאַרלוירן ס'לשון און געוואָרן שטומפיק,
און ווי זי וואָלט זיך אַ פאַרשעמטע איינגעשרומפן
איז זי צוריק אַריינגעקראָכן אין דער שייד.

1960

# דאָס אייז און די זון

סוף ווינטער, ווען די זון הייבט אָן זיך אויסצוזוכן
פון טריבן כמאַרעוואַרג, ווי קויטיק בעטגעוואַנט פון אָרעמאַנסקע הײמען,
און זי שאַרט אָפּ פון זיך און מאַכט אַוועק אײן וואָלקן נאָכן צווייטן,
באַהערשט אַ גרויס געקלאַג, אַ פּחד און אַן אימה
דעם ווײסטן פליין, אומענדלעכן, דעם ווײס־פאַרשנייטן;
זי גיט שוין דעמאָלט מער נישט קיין מנוחה
די פעסטע אײזבלאָקן, די הויכע בערג מיט שניי.
טרעוואָגע און געוואַלד!
אַ פיינט גרייפט אָן די פעסטונגען געשמידטע, שטאָליק,
פאַרבלענדט פון ווייסקייט ווילן זיי נאָך אַלץ נישטן זען
דעם סוף — און מודה זיין דאָס כאָטש מיט וויי,
אַז זייער גליוועריש־ממשלה איז געווען
דערווייליק בלויז, איינמאָליק.
און אָט הייבט אָן דאָס אייז פון טייך צו פּלאַצן.
צום ערשט באַווייזן זיך בלויז שמאָלע, דינע ראַצן,
און נאָכדעם — שניט ווי שראַמען, גאַנצע שפּאַרעס,
ביז איין שטיק אייז פון צווייטן טיילט זיך אָפּ.
עס שווימען קריִעס ווי צעקלאַפּטע כמאַרעס,
איין שטיק צום צווייטן שלאָגט זיך — קאָפּ צו קאָפּ,
און יעדעס שטיק צעשמעטערט זיך אויף שטיקלעך
און אויך די שטיקלעך אויף נאָך קלענערע פון זיי.
— אוי וויי! —
פאַרלוירן איז דאָס אייז, פאַרצווייפלט און אומגליקלעך
און בעט זיך ביי דער זון: אָ, זע נאָר ווי איך בין צעבראָכן!...
אָ, זע נאָר ווי כ'גיי אונטער ממש און צעגיי פון טרערן —
פון אייז־טראָפּנס צעשמאָלצענע מיליאָנען —

נאָר ס׳שיינט די זון און שטראַלט אין איר נצחון,
גייט ווייטער זיך איר וועג אין אירע הימל-ספערן
און ענטפערט אָפּ פון אויבן שטאָלץ, טיושבדיק-געלאַסן:
— אומזיסט, מיין ליבער אייז, איז דיין תחנונים-וויינען;
ס׳איז דאָ אויף אַלץ אַ צייט אין אונדזער סדר-עולם,
און כ׳וועל צוליב דיין גליוועס-הערשאַפט פון אַ גולם
נישט אויפהערן צו שיינען.

# בינען

ווי נאָר זומערצייט קומט אָן זיי לאָזן הערן זיך, די בינען —
זיי, פון ליבן זומער די נישט־ליבע געסט.
ס׳בלויען אַלע הימלען, אַלע גערטנער גרינען,
ס׳פרייט זיך ס׳קינד אין וויגל און דער פויגל אין דער נעסט.
נאָר די בינען דרייען זיך פאַרעקשנט אַרום קינדער,
האָבן ליב אַ פוכלע הענטל און אַ בעקעלע אַ ראָזס,
לויערן אַרום די קעפּלעך, קרייזן אָן אַ מאָס,
אָט פאַמעלעך שוועבן זיי, אָט ראַפּטום און געשווינדער,
ווערן ערגעץ נעלם, כלומרשט, און באַלד קומען זיי צוריק,
ווי חברה־לייט וואָס שפּילן זיך אין ברוגזדיקע שטיק.
אַרום אין חלל טראָגט זיך נינגאָלד־קלאַנג פון מאַנדאָלינען —
זיי זינגען זייער זומער־זמר זיך אַזוי, די בינען.
דו מיינסט, זיי זענען בלויז פאַרטאָן אין הימלישער מוזיק,
אַז אויסן זענען זיי נישט מער ווי ווילקלאַנג און נגינה;
רק מיט קינדער וואָלטן זיי געשפּילט זיך און געשטיפט. —
נאָר גיי ווייס, אַ פאַרשפּיל איז דאָס בלויז צו זייער גיפט.

# דער דונער און די פייגל־פּאָר

כאָטש איך ווינטש דאָס גאָרנישט קיינעם,
קומט עס פאָר אַמאָל אַזוי אויף אונדזער ערד,
אַז דאָס, וואָס אומגליק איז פאַר איינעם,
איז גאָר אַ גליק פאַר אַנדערע, פאַרקערט.
אַנומלט האָט געטראָפן אין אַ בוים אַ דונער,
ווי ס'פּאַסירט אין וואַלד נישט איינמאָל זומער;
געטראָפן האָט דעם שיינעם בוים אַ בראָך,
פאַרוויסט האָט אים דער דונער, אויסגעהוילט אַ לאָך,
אַז ווײ צו אים און ווײ צו זיינע יאָר!
אין וואַלד האָט גראָד אַ יונגע פייגל־פּאָר
געזוכט זיך אַ באַקוועמע, גוטע נעסט,
צו קענען זייער האָניק־חודש פּראַווען,
ווי אויסגעטאָן פון אַלץ — אין אַלצדינג מען פאַרגעסט,
פאַרשטעלט פאַר פרעמדע, קנאהדיקע אויגן.
— ווי וווּנדערבאַר! — רופט אויס די פּאָר באַגייסטערט —
דאָס האָט פאַר אונדז דער דונער אויסגעמייסטערט.
ס'וועט זיין דאָ אַ גן־עדן! — און כך־הוה:
די פּאָר האָט גלייך מיט מזל זיך אין אים אַריינגעצויגן.

# דער זיידנוואָרעם

זיצט דער זיידנוואָרעם פאַרהוילן ערגעץ־ווו, פאַרבאָרגן,
און להיפוך צו דער סילב, וואָס ווייסט בלויז פון צעשטערן און צעפרעסן,
פאַרשאַפנדיק דער באַלעבאָסטע צרות, לייד און זאָרגן,
שאַפט ער גאַנצקייט, שפּינט ער, האָרעוועט מעת־לעתן,
ווייל זיין שליחות איז: צונויפבינדן אַ פאָדעם מיט אַ פאָדעם
פאַר די סאַמע שענסטע, פאַר די איידלסטע בגדים.
נישט קיין וואָרעם איז ער עפּעס דאָרט אַ קריכער,
צי אַזאַ, וואָס זוכט און נישטערט שטענדיק אין די ביכער,
נישט דאָס ווערעמל פון ספקות, זינד, עבירות,
צי דער פּאַראַזיט, וואָס טאָטשעט אין די פּירות. —
ס'איז די עובדא פונעם זיידנוואָרעם צו טאָן בלויז שיינס און גוטס,
אָן שום שכר פאַר זיך אַליין און אָן שום מינדסטן נוץ.
האָרעפּאַשניק, למד־וואָוו און וועלט־באַרימטער מייסטער,
נאָר ווי הייסט ער? אסור צי אַליין דאָס ווייסט ער.
און ער ווייסט אַליין נישט וואָסער קונסט ער שאַפט און טוט,
בלויז די חתימה פון באַשעפער אויף זיין מי און אַרבעט רוט.
נישט ער דאַרף קיין פּירסום, נישט זיך לויבן זעלבסט,
נישט קיין גרויסע אותיות פאַר זיין ווערקשטעל, צי געוועלב.
נישט ער יאָגט זיך נאָך קיין כבוד, נישט קיין שבחים
זאָל מען נאָך אים זינגען, זאָל מען זאָגן נאָך אים.

אין אַ זיידן העמדל איז דער זיידנוואָרעם געבאָרן.
אַך, אויף אַלע גוטע, פרומע לייט געזאָגט געוואָרן.

# די גאַנדז און די געגדזענע פּענע

עס האָט דעם סופרס ווייב געקויפט אַ גאַנדז אויפן יאַריד,
געוואָרן איז זי היימיש מיטן הויזגעזינד, מיט דער משפחה,
נאָר אין זיין חדרל מיוחד האָט דער סופר זיך געהיט
זי זאָל, חלילה, נישט מטמא זיין זיין הייליקע מלאכה.
ווי געוויינלעך טרעפט מען שטענדיק אויפן טיש ביים סופר
זיין נאַרטל, צי אַ פּאַרמעט, צי זיין טינט און פּענע,
חפצים, זאַכן הייליקע, סיי די, סיי יענע.
ווען ס'זאָל די גאַנדז, האָט ער געטראַכט אָן אויפהער,
זיך צורירן, חלילה, צו דעם אַלעם
(פון דעם געדאַנק אַליין נעמט אים אַ שרעק באַפּאַלן)
וואָלט ווינציק דאָך געווען פּאַר אים ס'גיהנום,
ער וואָלט זיך דאָך נישט אויסקויפן געקענט אפילו
מיט פאַסטן טעג, מיט תהילים זאָגן, צי מיט טבילה!
און בכדי די אימה זיינע צו פאַרטרייבן
נעמט ער זיך די תורה מיט דער געגדזן-פּענע שרייבן.
און האַלטנדיק אַזוי די פעדער קומט אים אַ מחשבה אויפן רעיון,
וואָס שפּאַלט זיין מוח ווי די שאַרפקייט פון כלי-זין:
נעוואַלד! די גאַנדז! דאָס שרייבט ער דאָך כסדר
דאָס גאַנצע לעבן זיינס די תורה מיט איר פעדער!
אַזוואַ! דאָס מיינט דאָך, אַז אין דעם, וואָס איז אונדז הייליק,
האָט גאָר די פּראָסטע גאַנדז דעם גרעסטן חלק.

# די תפיסה און די קלעטער-פלאַנצן

איך האָב אַנומלטן געזען אַ תפיסה-טויער וואָס אינגאַנצן
איז זי געווען באַדעקט מיט גרינע און געדיכטע קלעטער-פלאַנצן,
ווי ס'וואָלט געווען די פראָנט-וואַנט פון אַ פּאַלאַץ אָדער שלאָס.
צי האָט דער עלטסטער פון דער תפיסה-מאַכט
אָט דאָס פאַרטראַכט
אויף חוזק ביטערן, צי ווייס איך וואָס,
אויף רייצן מער נאָך דעם פאַרדראָס
און חשק צו דער פריי ביי די, וואָס אינעווייניק,
צי האָט ער מיט די פלאַנצן פיפיק און געשיקט
געוואָלט פאַרשטעלן פאַר אַ דרויסנדיקן בליק
די גרויע גרויזאַמקייט — די תפיסה-טויער, ראַציק, שאַרף און שטייניק?

אַזוי צי אַנדערש — ס'טרעפט גאַנץ אָפט אין אונדזער וועלט,
אַז נאָר דאָס מיאוסע מיט דעם שיינעם ווערט פאַרשטעלט.

# דער פיש אין אַקוואַריום

אין אַ גלעזערנעם אַקוואַריום שווימט זיך אום אַ פיש אַהער, אַהין.
ס'איז ווי אַלע וואַסערן דאָס וואַסער דאָ אויך בלוי און גרין.
דוכט אים, ס'איז דאָס גלאָז אַרום בלויז וואַסער, וואַסער, וואַסער,
און ער פילט נישט, אַז דער גלאָז-דאַך איז אויף אים אַ יאָך, אַ משא.
טונקט ער זיך און פליעסקעט, אַז ס'איז ווויל אים — אַ מחיה.
און באמת, איז זי אַנדערש דען ווי אומעטום, זיין היים די נייע ?...
אַז ער זאָל מיינען, ס'איז דאָס ביסל וואַסער אים אַ טייך, אַ ים אַ גאַנצער —
זענען די אַקוואַריום-ווענטלעך פיין געשליפן, דורכזיכטיק און גלאַנציק.
און עלעקטריש לעמפּעלע פון אויבן שפּיגלט זיך אין וואַסער,
האָט ער אויך לבנה-נעכט ראָמאַנטיש-קילע, בלאַסע.
שווימט ער אין דער פאַלשער רחבות פריי און גוט און ווויל...
נאָר טיילמאָל שטויסט ער אָן זיך מיטן קאָפּ און מיטן מויל
אין דער האַרטער צוים פון דעם געשליפענעם און פיינעם גלאָז
וואָס איז גאָר קיין וואַסער נישט, נאָר ווייס איך דאָרטן וואָס,
און בחרפּתו אויסדרייען מוז ער דעם עק, מיט אַ צעקלאַפּטער נאָז,
דערפילנדיק, אַז עפּעס איז נישט גלאַטיק דאָ, עס איז נישט דאָס...

# דאָס בילד און די ראָם

גייט זיך משה־יאָסל אין אַ זונטיק אין מוזיי פֿון לוּווער.
אין אַ קאָשיקל זיין יידענע האָט מיטגענומען פֿון כל־טוב,
נאָר דער וועכטער איז אַ שלעכטער,
לאָזט ער זיי נישט טועם זיין פֿון קיין מאַראַנץ און קיין באַנאַנע,
(זעט אויס צו זיין אַ יידן־פֿיינט אַן עכטער שבעכטער)
כאָטש אויף די בילדער, זעט ער, משה־יאָסל, איז פֿאַראַנען
פֿון פֿירות אַלערליי אַ שפֿע, וואָס פֿאַרגיסן אַזש דעם האַלדז.
נו, יאָ, זיי קומט, זיי מעגן אַלץ.
מילא, וועט ער לאָזן שוין דעם זונטיק־אויבסט אויף שפּעטער.
גייט זיך ווייטער משה־יאָסל אין די זאַלן, זעט ער:
רעדלעך מענטשן און אין מיטן איינער, רעדט ער
עפּעס אויף אַ פֿרעמדן לשון, רעדט דאָרט אָן אַ זינען,
ווי ער וואָלט געשטאַנען און גערדאַוונט פֿאַר אַ מנין.
ווייטער, זעט ער, שטופּט מען זיך צו אַ באַזונדער צימער,
ס'זעט דאָרט אַ פֿיגור, אַ פּרוויענצימער אין דעם צימער,
מיט אָפּגעהאַקטע אָרעמס, נעבעך, אַ בעל־מום,
נישט פֿאַר אים און קיין שום ייִד געדאַכט.
קוקט זיך משה־יאָסל אויף די שיינע זאַלן אום
און טראַכט:
ביי דעם עשירות, גאָטעניו, האָט שוין דער לוּווער נישט געקענט
פֿאַרגינען זיך אַ פּרוי מיט גאַנצע פֿיס און הענט?

אין קאָפּ איז אַ מישמאַש פֿון זאַלן, בילדער, פֿאַרבן, פֿאַרבן.
נאָר פֿון אַלץ וועט משה־יאָסל איין זאַך נישט פֿאַרגעסן ביז צום שטאַרבן:

אין אַ זאַל, אַרום אַ בילד האָט ער געזען אַ ראַם,
געטאָקט פון גאָלד און זילבער — טויזנט וווּנדער, טויזנט טעם.
דאַכט זיך, ביי אַ בילד פון אים אַליין דאָרטן... רעמבראַנדט...
ווייל גרויס איז דאָס געווען כמעט אַ גאַנצע וואַנט.
נאָר אַ ראַם, אַ רעמעלע איז דאָס געווען,
האָט ער נאָך אַזאַ ראַם אין לעבן נישט געזען !...

# דער בעל־תוקע און דער שטן

געווען אַ בעל־תוקע אין מיין שטעטל, וואָס ער האָט געשטמט
מיט דעם... וואָס ער האָט נישט געקענט אין שופר בלאָזן...
שטענדיק האָט ביי אים דער שופר זיך פאַרהאַקט, פאַרקלעמט,
געכריפּעט ווי אַ גאָרגל אַ געקוילעטער אָן אויפהער,
נאָר ס'האָט דער ייִד פונדעסטוועגן דעם עמוד נישט געוואָלט פאַרלאָזן
און איינמאָל כאָטש אַ צווייטן אָפּטרעטן דעם שופר.
אום ראש השנה איז דער עזרת נשים איבערפולט,
און די הערצער ביי די ווייבער איבערפולט פון טרערן,
אויף אַ געשמאַקן וויין צו געבן וואַרטן זיי מיט אומגעדולד,
נאָר דער בעל־תוקע לאָזט זיך אַלץ נישט הערן,
ער מאַכט ערשט די הכנות זיינע לאַנג און שווער,
אָט גיט ער מיט אַ האַנט אַ פיר אויף זיין געזיכט אַהין־אַהער —
ער שאַרט אַוועק זיין באָרד — דעם פייערדיקן קאָלטן —
אויף רעכטס און לינקס, ווי משה האָט דעם ים געשפּאָלטן
און אַ שרינט געמאַכט אין מיטן פון די כוואַליעס...
דער ייִד פאַרדעקט זיך ס'פּנים מיטן טלית,
מען זאָל נישט זען מסתמא ווי ער אַרבעט מעשים איצט
און האָרעוועט און מאַטערט זיך און שוויצט,
שאַרט ווידער אָפּ די וואָנסעס און די באָרד
און ראַנגלט זיך, בלאָזט־אָן זיך ווי אַן אינדיק,
נאָר ס'גייט נישט... און דער שופר רירט זיך נישט פון אָרט...
אַן ענטפער האָט דער ייִד אויף דעם : ס'איז קהל זינדיק,

דעריבער איז דער שטן אים מקטרג יעדעס יאָר...
אַ בעל־תוקע איז ער דווקא איינער, האַלט ער, נאָר
אויב ס׳קומט אַרויס ביי אים דאָס שופר־בלאָזן נישט געראָטן
איז נאָר דערפאַר ווייל ס׳מישט זיך אים אַריין דער שטן...

★

צי ער בלאָזט אַ תקיעה, צי ער בלאָזט זיך נאָר אַליין —
אַזאַ מין בעל־תוקע זוכן דאַרף מען ווייט נישט גיין ;
צי ער האַלט אין האַנט אַ שופר, צי ער האַלט אַ פען —
מען קען אים ערגעץ־אַנדערש אויך, אַחוץ ביים עמוד, זען...

1961

# II

# שבת און וואָך

אין שבתדיקן בין-השמשות איז די שטעטלדיקע שטוב פאַרזונקען,
שוין אויפגעגעסן ס׳לעצטע שטיקל חלה און דעם ווײַן שוין אויסגעטרונקען,
נאָר קײנער ווײסט נישט צי ס׳איז שבת נאָך,
צי ס׳איז שוין וואָך.
אפשר דאַרף שוין גאָר אין אָט דער רגע, דער מינוט,
פאַרגיין דער גלאַנץ פון לײַכטער און גלײַך אויפשײַנען דער פינגערהוט ?
נאָר יעדעס מאָל די מורא גיט אין האַרץ אַ כּרי :
נישט אָנצינדן, חלילה, ס׳גוט-וואָך-ליכט אַ ביסעלע צו פרי...
נאָר דאָס גאַנצע געסל האָט געהאַט איין סימן בלויז :
אַרויסצוקוקן צו דער פרומער אסתּר-חנהס הויז —
אויב איז ליכט שוין אין איר פענצטער אָנגעצונדן
איז מען זיכער : ס׳איז דער שבת שוין פאַרשוווּנדן.
— „שוין ! בײַ אסתּר-חנהן ברענט שוין !״ —
רײַסט אַדורך אַ שוועבעלע דעם שבת, ווי אַ בלײַץ,
און מען קען זיך שוין מיט „גוט-וואָך״ און פּרנסה בענטשן.
אין דער פינצטער איז מען פויל געווען ביז איצט,
קײנעם האָט זיך נישט געגלוסט דעם קאָפּ אַ ביסל אויפצוהייבן
און גיין אַ שטערן זוכן דאָרט אין הימל, אויבן —
לײַכטער איז, געוויינלעך, צו דער ערד זיך בוקן
און פון דער נאָענט אויף עמעצן זיך שטענדיק צו פאַרקוקן.

# די פערל און די פערלגרויפּן

איינמאָל, ווען אין שטוב איז רעכט נישטאָ אויף מיטיק,
נעמט דער דיכטער לייענען פאַר זיין ווייב די קריטיק
ווו מען האַלט פון זיין פּאָעזיע אין-לשער,
און ער לייענט און לייענט פאַר איר מיט ברען און פייער
ווי מען לויבט אים,
ווי מען הויבט אים
ביז די סאַמע העכסטע הייכן,
ווו מען קען שוין צו קיין העכערס מער נישט גרייכן;
אַז אַן אוצר, אַן עשירות ליגט אין זיינע לידער און פּאָעמעס
און אַז פערל ממש טרעפט מען אָן אין זיי באמת.

פערל... — טראַכט דאָס ווייב — עס גייט איר אָן שוין אַ חלשות...
אויסער כבוד וואָס האָט זי פון זיי דאָרט... פערל אָן ממשות...
וואָלט זי כאָטש געקענט זיי אויף אַ שנירל עכטע פערל בייטן,
ס'זאָל זיין וואָס צו פאַרזעצן אין אַ נויט, אין שלעכטע צייטן.
פערל, וואָס מען וועט זיי נישט אין קיין שום לאָמבאַרד נעמען
און אויף דער בערזע האָבן זיי נישט קיין שום ווערט
און אויך נישט ביי דעם קרעמער, ביי דעם בעקער און ביים קצב —
קלערט זי אַלץ מיט ביטערניש און קלערט
פון איר דלות און איר שפּלדיקן מצב,
אַזש עס נעמט פון די מחשבות איר ביים האַרצן קלעמען
און זי דערפילט ווי טרערן פון די אויגן אירע רינען. —
פערל מיינע עכטע — טראַכט זי — וואָס מען קען ביי מיר געפינען...

און זי נעמט דאָס אָרעם־מאָלצייט גרייטן, נאָר אין שטוב
איז גאָרנישטאָ אַפילו וואָס אַריינצולייגן אין דער זופּ,
נישט קיין מייער צו פאַרבראָקן, קיין קאַרטאָפל, נישט קיין ריב.
וואָלט געוועז אַ ביסל פּערלגרויפּן ערגעץ־ווּ, וואָס ער האָט ליב.. —
פּערלגרויפּן... פּערל... און דאָ קומט איר אויפן זינען ווידער
די פּערל פון איר מאַנס געשעצטע און געליבטע לידער. —
פּערל, וואָס זיי האָבן אויף דער זינדיקער און פרעמדער ערד
צוּמאָל אַ זשמעניע פּערלגרויפּן נישט די ווערט.

# דער אָרעמאַן און די זשופּיצע

דעם אָנדענק פון מיין פאָטער, וואָס האָט מיר דעם משל דערציילט

אַן אָפּגעקומענער גביר, אַ יורד, איז געווען ר׳ פייטל,
לאַנג שוין אויסגעגאַנגען אין זיין בייטל
איז דער געלט-געקלאַנג.
איינגעבויגן, קרום — זיין שטאָלצער יחוסדיקער גאַנג,
און דער גלאַנץ פאַרלאָשן פון די איידעלע שטיבלעטן.
איינמאָל האָט מען אויף אַ שמחה אים פאַרבעטן,
צו דער חתונה פון גרעסטן שטעטלשן גביר,
שטייט ער טאַקע ווי אַן עני ביי דער טיר,
אָנגעטאָן קבצניש, ווי אַ ייִד פון הקדש,
זעצט מען ערגעץ אים אַוועק פון הינטן, ביי אַן עק-טיש,
מיידט אים אויס מיט לעקעך און מיט ווײַן דער סאַרווער,
ס׳איז מיט גאָרנישט אים מכבד, נאָר דערפאַר ווער
ס׳איז אויסגעסטראָצלט, זעט ער, אויסגעפּוצט,
טראָגט מען יענעם צו פון אַלדאָס גוטס.
נעמט ר׳ פייטל, הייבט זיך אויף און גייט אַרויס,
לייט זיך ערגעץ-ווו אַ זשופּיצע פון אַטלעס, צי פון זייד,
און נאָכדעם קערט ער אום זיך אין דער סאַליע שטילערהייט.
און היות
ס׳האָט אים דערזען אין אַטלעס און אין זייד פאַרהילט זיין גוף
ס׳האָט גלייך געזעצט אים אויבנאָן און צודערלאַנגט אים פון כל-טוב.
נאָר דאָ ביי יעדן איז דער חידוש אין-לשער, גרויס:
מען זעט ווי ס׳נעמט ר׳ פייטל אַ קעלישעקל און גיסט עס אויף זיין מלבוש אויס.

זוערט גלייך אַרום ר׳ פּייטלען אַ געררודער און אַ טומל,
מען מיינט, ער איז אַראָפּ פון זינען, צי, חלילה, חסר דעה, און מען שרייט:
— וואָס טוט איר, פּייטל? (דאָ שוין פּייטל אָן אַ „רעב״, ווי ס׳פּאַסט צום רומל
פון אַ געפאַלענעם, אַ יורד, נעבעך, אַ געמיינעם מאַן).
— ס׳איז נאַרנישט, ענטפערט אָפּ ר׳ פּייטל, וואָס איז ברייען דאָ פאַראַן?
איך זע דאָך, אַז דעם כבוד גיט איר אָפּ נישט מיר,
נאָר איר —
דער זשופּיצע פון אַטלעס און פון זייד,
טאָ זאָל זי טרינקען אויך דעם ווייַן געזונטערהייט.

1960

# דער גוף און די קליידער

עס קומען זיך צונויף אַמאָל אַן עדה ייִדן אין אַ באָד,
גאַנץ פרעמדלעך איינער מיטן צווייטן, כאָטש זיי זענען פון דער זעלבער שטאָט.
און דאָ, ווי אין אַ באָד, פאַרשטייט זיך,
זענען אַלע נאַקעטע, ווי ס'האָט די מאַמע זיי געהאַט,
נישט נויטיק איז אַפילו קיינעם אדמס פייגנבלאַט.
פאַר אַלעם אָפּגעדעקט — אַ פּלייצע איז אַ פּלייצע
און ס'איז אַ סטאַן אַ סטאַן, און אַזוי ווייטער...
(אויב ס'איז דערלויבט צו זיין אַ ביסעלע פאַרשייטער).
דאָ זענען אַלע נאַקעט און במילא — אַלע גלייך,
מען ווייסט נישט ווער ס'איז אָרעם, ווער ס'איז רייך,
קיינער קען נישט קיינעמס יחוס, קיינעמס שטאַנד,
רייבט מען אָן זיך אין אַן אַקסל, אין אַ שולטער, אין אַ האַנט,
און מען טרייבט לצנות איינער מיטן צווייטן,
מען דערציילט זיך, ווי די חדר-ייִנגלעך, מעשיות פון פאַרצייטן.
אָך, ווי נאָר מען האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די תחתונים —
נישטאָ קיין גאווה פון גבירים און קיין בושה פון אביונים,
ס'איז אָפן, און ס'איז קיינער קענן קיינעם נישט קיין צד,
ס'איז איינער מיטן צווייטן גאָר גוטברודעריש, פאַן-בראַט. —
נאָר ערשט ווען מ'איז אַרויס פון באָד, ס'זאָל זיך נישט טרעפן ווי עס טרעפט —
די גאַנצע עדה ייִדן איז געבליבן ווי געפּלעפט:
מען האָט זיך לויט די שטעטער און הלבשה גלייך דערקענט,
און איינער פונעם צווייטן האָט די אויגן אָפּגעווענדט.

ביי איינעם האָט געבאַמבלט זיך אַ גאָלדן קייטל פון זשילעט,
ביים צווייטן נאָר אַ צוים פון בגד, פון צעטרעטנטע נעט.
דער סקריפּ פון געמזן שטיוועלע מיט שטאָלץ האָט זיך געהערט,
דער שמוישן־פוטער האָט זיך פונעם טיזליק אָפּגעקערט.
דער רייכער אַטלעס רוקט זיך אָפּ פון אַלטן, אָפּגעבליאַקטן קאָרט.
אוים לצנות. שווייגעניש. מען רעדט נישט אוים קיין וואָרט. — —
ווי נאָר מען האָט אַרויפגעצויגן אויף דער הויט אַ העמד,
אַוועק איז יעדער אין זיין זייט באַזונדער, קאַלט און פרעמד.

# העד בוים און דער װאָרצל

„װי שײן עס איז דער בױם" ! — האָט נאָך פאַרצײיטן
אַ תּלמיד־חכם אונדז געלערנט שױן. —
מען זאָגט אױף אים : ער טראָגט אַ קרױן,
כאָטש ער איז נישט קײן קײסער. נאָר איך װעל זי נישט פאַרבײַטן,
זײַן קרױן פון בלעטער, אױף אַ קעניגלעכער קרױן,
באַזעצט מיט דימענטן, שמאַראַגד און מיט סאַפּירן...
װי שײן ער איז, דער בױם, אין יעדן זמן,
אַפילו אױך אין צײַט פון װאָלקנס און פון װיאָן,
אין װינטער־נאַקעטקײט און פרירן,
שױן אָפּגערעדט אין רײַץ פון בלי און צװײַט,
װען ס'איז דער בױם מיט טױזנט הנען אָפּגעשיט
און מיט מיליאָסן פליטערלעך און שפּיצן אָפּגעװײַסט.
הײנט זומערלעב, װען ער איז מיט זײַן ליבער לאַסט באַלאָדן,
און שפּעטער, װען מען צופּט פון אים די פרוכט, מען רײַסט.
ער שטײט און לאָזט זיך אָן אַ קרעכץ,
מען טוט אים, חס ושלום, נישט קײן שלעכטס,
אױף אונדז געזאָגט זײַן שאָדן...
װי די בלעטער אָן אַ צאָל אױף זײַנע צװײַגן,
װער קען אױסצײלן די שבחים צו זײַן פּראַכט !
מען קװיקט זיך מיט דער פאַרב און ריח פון זײַן בלאַט,
פּאָעטן זינגען לױבגעזאַנגען אים און אױך, פאַרשטײט זיך, פײגל.
יענע זענען נאָר, װי ס'איז באַװוּסט, מיט אים פּאַן־בראַט,
און שטאַמגעסט ממש זײַנע טאָג און נאַכט...

צי גיט אַ מענטש אין זײַן התפּעלות כאָטש אַמאָל אַ טראַכט
װער ס'שענקט די װוּנדערלעכע שײנקײט צו דעם בױם,
אַז ער זאָל קענען זיך צעװאַקסן הױך און גרױם ? —

דאָס איז דער וואָרצלען־קנויל וואָס ליגט אין דער אדמה,
וואָס קיינער נישט דערמאָנט צומאָל זיין נאָמען,
שוין אָפּגערעדט פון זאָגן אַ גוט וואָרט, אַ לויב.
להיפּוך צו דעם בוים איז ער, דער וואָרצל, וואָס אַן אמת, מיאוס,
ווי אַ באַשעפעניש מיט טויזנט נעגל, טויזנט פיס,
וואָס קייעט אין דער פינצטער ערד און שטויב,
ער איז זיך אָבער מקריב פאַרן בוים בסתר
און טאָג און נאַכט ער גיט אַוועק זיין קראַפט און מי אים,
ס'זאָל שטיין אויף אים דעם בוימס געבענטשטער קיום
און ער, דער בוים, אַ קרוין זאָל קענען טראָגן ווי אַ קייסער.

# צווײ ביכער

עס שטייען ביכער אין דער שאַפֿע, נאָענטע שכנים.
און כאָטש זײ זענען מיט די רוקנס אויסגעדרייט
זענען זײ נישט ברוגז נישט מיט מיר און נישט מיט קיינעם.
פֿאַרקערט, זײ האָבן גערן נאָך פֿון צײַט צו צײַט
צו פּלוידערן פֿון דעם און יענעם, שמועסן לאַנג,
צי אַלע פּליאָטקעס מיר דערציילן פֿון דער שאַנק.
אָט גייען צוויי אַרויס פֿון זייער ריי
מיט אויפֿגעמאַכטע טאָוולען, הימל עפֿן זיך, מיט אַספּעריי.
צוויי דיקע ביכער, יוסטע באַלעבאַטים ברייטע,
מיט בלעטער־פֿאַלעס ווילד־צעפֿלויגענע, צעשפּרייטע.
זײ קומען מיט אַ וויכטיקער און גרויסער טענה:
דער אויסזען און הלבשה זענען גאָרנישט גלייך בײַ ביידן,
ס'איז איינער אָנגעטאָן אין גאָלד, אין סאַמעט און אין זיידנס,
מיט בלעטער ציכטיקע, ווי כלה־אויסשטײַער פֿאַרשלאָסן,
וואָס וואַרט אין שאַנק, עס זאָל אים אויסלייזן דער חתן;
דער צווייטער — אין אַ פּראָסטער הילע, אַלט און אָפּגעשאָסן,
מיט אויסגעקייטשטע בלעטער, מיט סימנים פֿון מאכלים.
היות זײ זענען שכנים לעבן זײ נישט גאָר בשלום,
(בײַ ביכער פּירט זיך אויך ווי ס'פּירט זיך אומעטום בײַ לײַטן),
און רק מען קריגט זיך און מען האַקט זיך אָפּ די זײַטן...
עס שטייט נישט אָן דעם שיינעם בוך, דעם אויסגעפּוצטן פּראַנט,
צו שטיין בשכנות מיטן מיאוסן, אָפּגעשליסענעם באַנאַנד,
מיט עפּעס אַ פּערזאָן, זאָגט ער, וואָס גייט פֿון האַנט צו האַנט...
אַזוי כסדר קומט מען זיך פֿאַר מיר באַקלאָגן,
איך זאָל זיך דאָ אַרײַנמישן און זײ מײַן דעה זאָגן.

— שאַצט איר אָפּ ווער ס'האָט מער די ווערט, קוקט אָן מײַן שײַנעם אויסזען,
ווי גאַנץ איך בין פון אינעווייניק און פון דרויסן —
איז שטאָלץ דער פראַנט — קיין קנייטשעלע, קיין שפור פון זיקנה,
איך פעכל ממש, ווי אַמאָל, מיט לאַנגע יאָרעלעך צוריק נאָך,
און כבוד גיט מיר יעדער אָפּ, עס טשעפּעט מיך נישט קיינער,
מען רירט מיך נישט, ס'טרעט אָפּ דעם וועג מיר יעדער איינער...
— כ'בין מוחל אים דעם כבוד! — ענטפערט אָפּ ס'צעפליקטע בוך
און גיט דעם פראַנט אַ שטויס אין רוקן און אין זייטן אים אַ שטורך
און שפּאַרט זיך דורך פאָרויס — כ'בין שטאָלץ מיט מײַנע שטעטער!
אויב ס'איז מײַן הילוך אָפּגעשליסן, אויסגעקנייטשט די בלעטער
באַווייזט דאָס, אַז מ'האָט איבער מיר די שטערנס זיך געקנייטשט,
און אַז מ'האָט יאָרנלאַנג פון מיר געדרונגען און געטייטשט,
מען האָט בײַ מיר געשאַרפט דעם מוח און געשליפן,
מ'האָט חכמה פול געשעפּט פון מיר, ווי פון אַ קוואַל אַ טיפן,
און אויב איך בין איצט אָפּגעפליקט און אָפּגעשליסן
און אויב עס איז מײַן רוקן קרום און אויסגעריבן,
און אויב ס'איז נישט פון מיר קיין גאַנצע זייט געבליבן,
זאָל דעריבער טאַקע יעדער וויסן:
דאָס איז געוואָרן דינענדיק דעם שכל, דעם פאַרשטאַנד,
בקיצור — ווײַל מען נעמט מיך אין דער האַנט.
און ער, דער שיינער תנא באַרטיק, אויב ער איז אַ גאַנצער לייט
איז ווײַל מען רירט זיך גאָרנישט צו צו אים די גאַנצע צייט.

די צדדים שטייען־צו און פאָדערן דורכאויסיק,
אַז איך זאָל זײַן אין זייער שטרייט דער פוסק,
נאָר ווען אין דעם אַמפּערניש דעם גרויסן
כ'וועל פּסקענען גערעכט — איז לײַכט זיך אָנצושטויסן.

# דער וואָלף און דער מענטש

א וואָלף האָט איינגעביסן זיך פון הינטערוויילעכץ אין א מענטשנס קארק.
ווייל הונגעריק איז ער גראָד דעמאָלט נישט געווען אַזוי שטאַרק,
דער אַפּעטיט איז עפּעס אים געווען איבערגעשלאָגן,
האָט ער געקענט דאָס מאָל דערלויבן זיך דאָס פאַרגעניגן —
דעם מענטש אָן איינגעביסענעם דערווייל צו לאָזן ליגן;
און איידער ער וועט אים אויף שטיקער באלד צעטראָגן
וועט ער פּרובירן שכלדיק מיט אים זיך אויסצוטענהן,
דהיינו:
— בן־אדם, מענטש צווייפיסיקער און שטאָלצער,
הער אוים!
באַלד וואָש איך זיך צו דיר, וועסט זיין מיינס א באַשיידן מאָלצייט.
האָב נישט פאַראיבל, וואָס איך וועל דאָס טאָן. היות
וואָס דו, נאָך פון פאַרצייטנס, שוין מכמה יאָרן,
געניסט פון אונדז, דאָס חיותטום, פון אַלערליי באַשעפענישן,
פון פייגל, עופות און מכל המינים פישן.
היות וואָס צוליב אונדז ביסטו אַ גאַנצער מענטש געוואָרן,
טראָגסטו אונדזער פעל אָן אויסגעפּוצטער און באַקליידטער,
דו ליגסט אויף אונדזער פוך און טרינקסט די מילך פון אונדזער אייטער,
און אויך פון פליישיקס, ווי מיר דאַכט זיך, זאָגסטו זיך נישט אָפּ —
מעגסטו דעריבער, זיי־זשע מוחל, איצטער זיין מיין גאָב,
און גאָרנישט קענסטו זאָגן קעגן דעם וואָס איך גיי דיך פאַרזוכן...

— נישט נויטיק דיר קיין אויסרייד און תירוצים זוכן
פאַר דיין רציחה — האָט דער מענטש שוין נישט געקענט מער שטומען —
איך האָב מיין גורל דעם געחתמעטן סיי ווי באַנומען

ווי נאָר איך בין אריינגעפאַלן אין דיין וואָלפישן רשות,
דו ביסט אַ וואָלף און פון קדמונים איז דיין טבע צו פאַרצוקן,
און דאַרפסט דערפאַר נישט אויסזוכן פאַר מיר קיין זכות
און קיין שום שכלדיקע סיבה מיר נישט אונטערדרוקן.
— ביסט נאָך פאַרשייט?! — געוואָרפן האָט דעם וואָלף דער כעס און קרענקונג —
דו זעסט, כ'האָב גאָר געקליבן זיך דאָס לעבן אפשר דיר צו שענקען,
נאָר ווייל ביסט פול מיט חוצפה און דו רעדסט מיר נאָך אַקעגן,
איז מיר אומטעגלעך, ליידער, צו געפינען גנאָד פאַר דיינעטוועגן...

דער וואָלף באַוויזן האָט דעם אונטערשלאַג דעם רויטן פון זיין גומען.
דער מענטש האָט נאָך אַמאָל זיין גורל דעם געחתמעטן באַנומען.

# אַן אייגענער טאָן

ביים איינגאַנג פון אַ רעסטאָראַן
גרימפּלט עפּעס דאָרט אַ מאַן,
גאָר מאָדנע טענער שפּילט ער אויס
אויף גאָר אַ מאָדנעם אינסטרומענט.
צו זאָגן וואָס דאָס איז אַזוינס,
כ׳בין מודה, פעלט מיר אויס טאַלענט.
איך זע אַ קאָכלעפל, אַ ברעטל, שטריק און דראָט,
(די כלי האָט דער מאַן אַליין געמאַכט)
נאָר ווי אַזוי עס הייסט די זאַך
דאָס פרעגט מיך נישט, דאָס ווייסט איין גאָט.
און טענער גיט די זאַך אַרויס:
חצי זשאַבע, חצי מויז,
חצי סאָווע, חצי גריל...

מען מעג זיך האַלטן וואָס מען וויל,
וואָס דאָס איז פאַר אַ זאַך און שפּיל.
מען זאָגט מיר: נישט כדאי צו דאגהן,
דער עיקר, אַז דער טאָן איז איינגן...
כ׳בין מסכים, יאָ, דער טאָן איז איינגן... —
נישט וויכטיק אָבער, מיין איך, איז דאָס אייגנס
ווי דאָס, וואָס ס׳איז אַ ז ו י נ ס דאָס אייגנס...

# טויבן און מענטשן

טויבן שרעקן זיך פאַר מענטשן, טרויען זיך נישט אָן צו קיינעם,
אפילו נישט צו קליינע קינדער, נישט צו גוטע זקנים.
זיי מאַכן פּאָרזיכטיק אַ שריטעלע, אַ גענגעלע, אַ דריבנעם שפּרונג,
און וואַרפן אומרויִק אַ קוקעלע אויף רעכטס, אויף לינקס.
זיי זענען חושד יעדן, קוקן שטענדיק יעדן אויף די פינגער,
ביי מינדסטן מענטשן־שאָרך זיי ווערן לייכטער, גרינגער.
זיי וויסן קיינמאָל נישט צי ס'גוטס איז נישט קיין בייז,
און ווען עס הייבט זיך אויף צו זיי אַ האַנט מיט שפּייז
זיי מיינען, אַז מען וויל זיי נאָר פאַרנאַרן, צי אַ נעץ פאַרשפּרייטן.
נעלאַסן גיבן זיי אַ פּיקעלע אַ שטיקעלע, בלויז טועם זיין, פאַרזוכן,
און כאָטש ס'איז טאַקע גוט, בפירוש ברעקעלעך פון מענטשנס ברויט, צי קוכן,
איז בעסער און געזונטער זיך צו האַלטן פון דער ווייטן,
ווייל ווער קען וויסן וואָס עס האָט דאָס מענטשעלע אין זינען
און וואָסער מיין באַהאַלטענער עס קען זיך הינטער זיין גענאָד געפינען.
האַלטן זיי זיך שטענדיק אויפן באָדן לייכט, קוים־קוים, ווי נישט פון הי,
מיט אַ פיסעלע אויף דר'ערד און מיט אַ פליגעלע אין הימל, גרייט צום פלי.
ווי דאָס האַרץ אין פּחד, פּלוצים גיבן זיי אַ פּאָך, און אוים, אַוועק,
ווי־נאָר זיי דערשפּירן פון דער נאָענט די סכנה און די שרעק.
חכמים זענען זיי צו קענען פריי די פיינע פליגעלעך פאַנאַנדערלאָזן
און גלייך די זינדיקע און שלעכטע ערד מיט הכל־בכל צו פאַרלאָזן.
זיכערער און בעסער פילן זיי זיך ווייט פון מענטשן, אויבן.

ווייל איז זיי, די טויבן.

# קרוינען

מלחמה האָט געפירט אַמאָל אַ גרויסער, שטאַרקער קיניג.
נאָך אַ זיג פון די חיילות זיינע איז געווען ביי אים אַ מנהג
אריינצוגרייטן אויף זיין פערד אין שונאס שטאָט, אין יענעם אָרט
וווּ ס'זענען זיינע האָרדעס דורך מיט פלינדערונג און מאָרד.
דער קיניג איז אין בגדי־מלכות אָנגעטאָן, פאַרשטענדלעך.
וואָדען? אין עפּעס אַנדערש וועט אַ קיניג זיין געקליידט?
ער ציט אַדורך מיט זיין קאָרטעזש דעם טריומפאַלן,
גלאַנצנדיק מיט אַלע זיינע טראָלדעלעך און בענדלעך
און באָמבלענדיק מיט אַלע זיינע חשובע מעדאַלן.
עס הענגט פון אים אַראָפּ די שווערד מיט גדלות ביי דער זייט
און פול מיט גאווה קוקט אַראָפּ פון אים די קרוין פון קאָפּ.

איינמאָל איז דער קיניג נאָך אַ שלאַכט פון פערד אַראָפּ
אין אַ שטעטל אַ צעטראָטנס, מיט הרוגים, וויסט און לער.
א רויך נעמט קרעקן אים אין האַלדז. וואָס האָט ער דאָ צו טאָן נאָך מער?
ער לאָזט זיך צו דער שול. האַלב חרוב. שויבן אויסגעזעצטע.
דערהרגענען באַפעלט ער די מתפּללים די לעצטע.
דעם ארון־קודש פּראַלט ער אויף און דאָ דערזעט ער צו זיין שטוין
אַ זאַך, וואָס טראָגט עפּעס אַ טוניקל פון סאַמעט און אַ קרוין.
נעמט ער שיטן זיך און טרייסלען פאַר געלעכטער שטאַרק און הויך,
אַזש ס'נעמען אויך זיך טרייסלען די מעדאַלן זיינע ביז צום בויך.
— איך אַ קרוין און דאָס אַ קרוין! — איז שווער אים צו באַנעמען —
הייסט עס — האַלט ער אין איין שפּאָטן — אַז מיר זענען שטיקלעך קרובים!...

ווי הייסטו, זאָגסטו? תורה?... ספר... תורה? — וואָזשנע נעמען!...
טוירע־שמוירע, איך וויל וויסן גלייך, פאַר וועלכע מעשים־טובים
דו טראָגסט אַ קרוין. נו, איך פאַרוואָס מסתם האָסטו געהערט דאָך...
— איך טראָג אַ קרוין — זיפצט אָפּ די תורה — ווייל איך האָב געלערנט:
„לא תרצח“, זאָלסט נישט הרגענען! און דו, מיין האַר,
מיין הויך־געאַכפּערטער און פיל געערטער,
דו טראָגסט אַ קרוין דערפאַר —
ווייזט זי די הרוגים מיט אַ הענטעלע, דערצערנט —
ווייל געלערנט האָסטו דאָס פאַרקערטע.

# גאָלד און פייער

אַרויסגעצויגן האָט מען משהן פונעם נילוס-טייך
און צו פּרעהן אינעם פּאַלאַץ אים געבראַכט צו טראָגן.
ס'איז דאָס גורל-קעסטל זיינס פון טרערן פייכט
און פון קילן נילוס אָפּגעצוואָגן.
נאָר פון קעסטל משה שיינט אַרויס און לייכט —
פון זיין וואַסער-וויג פון צווייגענעם געפלעכט,
ווי אַ זון וואָלט זיך אַדורכגעריסן דורך אַ כמאַרע,
ווייל אַ ליכט פון אים גייט אויף צו זיינע ברידער-קנעכט.
שטאַרק פאַרלעגן איז די סוויטע פון געוועלטיקער, פון מלך פּרעה:
נאַקעט איז דאָס קינד, ווי אַלע קינדער ביים געבוירן זענען.
איז עס פון אַ מצרי צי אַן עברי? ווער וועט עס דערקענען?
קיינער פון די האַרן קען דאָס רעטעניש באַשיידן,
אַפילו ווען די שווערד זאָל גלייך דאָס עופעלע צעשניידן.
נאָר משה וועט באַשירעמט זיין דורך זיינע גורלדיקע ליידן... —
פלוצים האָט דער עלטסטער דינער פּרעהס שטרענג באַפוילן:
אַריינברענגען אַ טאַץ מיט גאָלד און פייער — ברענענדיקע קוילן!
אויב דאָס קינד וועט כאַפּן ס'פייער איז אַ סימן
אַז עס איז פון אַן עגיפּטער און אויב ס'גאָלד — איז רעכט
אַז דאָס קינד איז פון אַן עברי, פון אַ קנעכט,
און צום טייטן וועט מען עס באַשטימען.
אויפגעריסן פון דערוואַרטונג זענען טיילער, אויגן,
און, טראָגנדיק, מען ווינקט און וועגט דאָס עופעלע אין הענט,
ווי עס וואָלטן טויט און לעבן איצטער אים געוווגן.
משה איז פון פייער און פון גאָלד באַנלייך פאַרבלענדט,

לעבן אָדער טויט באַדאַרף ער אויסקלויבן אַליין.
און אָט גיט ער אַ כאַפּ אַ ברענענדיקע קויל —
און ווי גאולה־שאַל צעטראָגט זיך שוין אין פּאַלאַץ דאָס געוויין
פון זיין קינדיש־חנעוודיקן אָפּגעבריטן מויל.
און ביז צום סוף פון זיינע טעג וועט ער באַנעמען און פאַרשטיין,
אַז פאַר אים איז ג ו ט געווען דאָס, וואָס איז געווען ש ל ע כ ט,
און אַז פייער לייטערט די גאולה פונעם קנעכט.

# III

# די ליטווישע פיש און די פוילישע פיש

צוויי קאַרפּן שווימען פרייטיק אין אַ בעקן, שיין און מעכטיק.
אויף שבת האָט די באַלעבאָסטע זיי געקויפט נאָך נעכטן.
מיט די עקן פּאַטשן זיי זיך, שפּריצן אָפּ זיך קענגזייטיק,
ווי ס'וואָלט דער שוואַרצסטער טאָג נישט זיין פאַר אַלע קאַרפּן: פרייטיק...
ווי ס'וואָלט זייביידן נישט דערוואַרט דער זעלבער גורל: קוילען...
ווי ס'איז זיי באַקאַנט שוין מן-הסתם
האָט געסט אויף שבת איינגעלאַדן די מאַדאַם,
אַזעלכע, וואָס זיי שטאַמען אָפּ פון ליטע און פון פוילן, —
וועט מאַכן די מאַדאַם איין קאַרפּ
אויף ליטוויש, ס'הייסט געזאַלצן און געפעפערט, האַרב.
און דעם צווייטן: זיס, לויט פוילישן געשמאַק און שטייגער.
און די קאַרפּן האָבן שוין נישט מער דערוויל קיין אַנדער דאגה
ווי נאָר מען זאָל זיך דורסן, געפּאַנגענע אין זעלבן בעקן,
זיך פאָרוואַרפן דעם יחוס, שמייסנדיק זיך מיט די עקן,
ווי יעדן וואָלט באַוווּסט געוועזן שוין זיין טעם, זיין טאָפּ...
מען זידלט און זידלט און מען ווערט פון חוזק אָפּגענאָסן:
— שווים אַ נומער ווייטער, לוטוואַק כאַזשער, צלם קאָפּ!
— דריפּקע פּעיליסע, אַז ווער פאַרסטייט דיין לאָסן!... —
און מען בוכצעט זיך, מען האַקט זיך אָפּ די זייטן,
און כעס און וואַסער שפּריצט אַרויס פון בעקן פונעם רונדן
און ווידער שפּייט מיט שפּאָט און כליאַפּעט איינער אויפן צווייטן:
— באַלד וועט מען דיך פאַרזיסן, אַזש ס'וועט אָנגיין אַ נודאָטע...
— און דיך — אַ בראָך צו דיר — מען וועט דיר שיטן זאַלץ אויף דיינע ווונדן...
— דו קענסט מיר שיטן אויפן עק!... — זילזולים האָבן זיך אַזוי געשאָטן
און איינער פונעם צווייטן שענער, פיינער, לייטישער און גרעסער —
ביז ס'האָט דאָס לעצטע וואָרט געהאַט דער באַלעבאָסטעס מעסער...

# צווישן חיות

צוויי דאַמען גייען זיך אַרום פון שטייג צו שטייג אין זאָאָ
און קוקן אויף די בירגער חיות לוסטיק, מיט הנאה.
דאָס חיותטום קוקט־נאָך די דאַמען דורך די אייזן־ווענטלעך,
גלייך ווי זיי וואָלטן אים, פון ערגעץ־ווו נעווען גאָר קענטלעך.
ווי קומען חיות דען אויף דאַמען גאָר זיך צו פאַרקוקן ?
זיי גייט בלויז אָן דער מענטש כל־זמן זיי קענען אים פאַרצוקן.
וואָס קוקן פאָרט די חיות נאָך די דאַמען פול מיט נייגער,
ווי מאַנצבילן וואָס קוקן נאָך אַ פרוי, ווי ס'איז דער שטייגער ?
וואָס האָבן זיי די אויגן צו די דאַמען אויפגעריסן ? —
די חיות ווייסן ווייל פאַרוואָס — און לאָמיר אויך דאָס וויסן.

איין דאַמע טראָגט אַ מאַנטל פון אַ טיגער אַ געשפּריצטן,
דער טאַש ביי איר — פון קראָקאָדיל און העלפאַנטביין געשניצטן.
די צווייטע טראָגט אַ שטרויספּעדער פאַרשטעקט אין הוט, אַחוץ־דעם —
אַן אויבערראָק מיט מאַלפּע, אַ באַנייטער און באַפּוצטער,
— ס'זעט אוים, ווי ס'וואָלט די מאַלפּע פלינק אַראָפּ פון צווייג, פון בוים ערשט —
דערצו אויף אירע אַקסלען, ווי אַ לעבעדיקער, כלומרשט,
אַ זילבער־פוקס מיט גאווה ליגט, געוועלטיקט זיין ממשלה.
ווי ס'האָט דער זאָאָ דאָס דערזען איז דאָרט געוואָרן אַ בהלה,
דאָס חיותטום לויפט אום אין שטייג צעדולט, צעטראָגן, איילִיק,
ווייל יעדע פון די חיות אין די דאַמען זעט זיין חלק.
דער טיגער זעט זיין דזשונגל־הײמלאַנד אין דער דאַמעס פּאָלעס,
און מיינט, אַ לאַנדסמאַן זיינער קומט אים אויסלייזן פון גלות·

די שטרוים נעמט איבערציילן אירע פעדערן, ווי ס׳מאַכט זיך,
ווייל ס׳האָט איר צוגעלקחנט איינע, חלומט איר און דאַכט זיך...
אַ גליק, דער העלפאַנט עסט געשמאַק, ער האַלט נישט פון פאַרפאַסטן,
און ער באַמערקט נישט זיין געביין, אין טאָש, דעם איינגעפאַסטן.
די מאַלפעס זעען אָנגעטאָן די פרוי אין זייער מלבוש
און קלערן, ס׳מאַכט זיי נאָך דער מענטש, וויל ווידער ווערן מאַלפיש.
דער קראָקאָדיל דערזעט דעם טאָש און ס׳נעמט אים היימלעך ווערן,
ער מיינט, אַ קרוב, און ער וויינט פאַר פרייד מיט עכטע טרערן.
דער פוקס, דער חכם, זעט אַ פוקס אַן אַנדערן, אַ פרייען,
און גלויבט, דאָס איז אַ פריינט, וואָס קומט זיין לאַנגווייל אים צעשטרייען.
באַלד כאַפּט ער זיך, דער פיפיקער, און קוקט מיט אומפאַרטרויען:
וואָס איז דאָס פאַר אַ פוקס, געבונדן אויפן האַלדז ביי פרויען?...

דער זאָאָ רעשט. געפילדערן פון מענטש און חיה שטייגן,
נאָר ס׳אַנט נישט קיינער פון דעם סוד, פון דעם געהיימניש אין די שטייגן
און פון געברום און וואָי די סיבות פלוצים־אומגעריכטע.
עס ווייסן דאָס די חיות בלויז און אויך איין מענטש — דער דיכטער.

# צווי הענער...

אין שפּיגל קוקט זיך גדלותדיק אַריין אַ האָן,
דערזעט ער ווי אַ צווייטער האָן אַנטקעגן אים קומט אָן,
און וואָס ער פּרוּווט נאָר טאָן, דער צווייטער טוט אים נאָך,
ווי נאָר ער גיט די פליגל זיינע אַ צעפּאָך,
טוט יענער אויך דאָס זעלבע מיטן אויגנבליק.
ווערט ער בייז און נעמט דערלאַנגען אים אַ פּיק,
פּיקט אויך דער צווייטער — אַזאַ נאָכמאַכער ווי יענער
האָט ער נאָך נישט געטראָפן צווישן אָרנטלעכע הענער.
ווי נאָר ער גיט אַ קריי — צעקרייעט זיך דער צווייטער וליך,
דעם קאָפּ, ווי ער, מיט שטאָלץ פאַרהויבן אין דער הייך.
כאָטש ס׳קרייען יענעמס קומט נישט צו זיין מינדסטן טאָן,
בלויז פאַלשקייט איז עס, אויך מיר דאָרט אַ האָן!
אָן אַלטער גראַמאָפאָן איז דאָס, נישט קיין מנגן,
און דאָס גייט זיך מיט אים פאַרהערן, פּרוּווט נאָך וואַגן!
אַ קול האָט עס, וואָס גייט ווי פון אַ הוילן פאַס —
שפּרינגט־אויף דער האָן מיט רוגזה און מיט כעס —
סך־הכל טויג עס שוין נישט מער ווי צו אַ וואָכעדיק געקעכטס
און מיטן עק און הינטן דרייט עס, גלייך ווי עפּעס רעכטס.
אַ גאָרנישט דאָרט, אַ שנעק — אַ הענדל פאַר אַ גראָשן! —
איז אַלץ מער און מער דער האָן אַרויס מיט לשון.

דער צווייטער האָן איז אָבער אויך נישט אויפן שנאָבל פויל,
אויך ס׳פּיסקעלע געשליפן — האָט ער אויפגעמאַכט אַ מויל,
אַזש ס׳איז דער ערשטער האָן אַריין אין ווילדן צאָרן
און אָנגעגורט די נעגל האָט ער און די שפּאָרן —

ער איז אים דאָרטן נישט קיין יִדענע, קיין קוואָקע,
און אויף באַשיצן זיין האָנער האָט ער חזקה.
און ס'איז אַריין זיך אין נרגרת, זיך צעדראַפּעט,
פון שנאָבלען און פון נעגל בלוט שוין קאַפּעט.
פאַרביסן איז די שלאַכט, פאַרעקשנט־ביטער.
עס פליִען פעדערן... אָ, ניין! דאָס זענען שפּליטער
פון דעם צעהאַקטן שפּיגל און וואָס בלויז
אַ הוילע שוואַרצקייט קוקט שוין איצט פון אים אַרויס...
נעענדיקט איז די שלאַכט! — דאָס גיט צו וויסן
דער זיגער מיט זיין קריי, ווי אַ טראָמפּייט פאַררריסן,
און יובלט ווילד איבערן צווייטן האָנס מפּלה,
וואָס אַ באַזיגטן האָט ער אים פאַרטריבן אין בהלה...

# דאָס שעפּעלע

ווי דער סטאַדע, ס'האָט אַ דונער נאָענט פון איר געטראָפן,
אויף די פיסעלעך די דאַרע זענען זיך די שאָף צעלאָפן.

ס'האָבן פונעם דעמב — דעם פלאַקערדיקן שייטער,
קוים באַוויזן פייגל פון די נעסטן מאַכן פליטה.

נאָר איין שעפּעלע געבליבן איז אין וועלדל, אין דעם לויזן,
נישט באַוויזן... און דאָס פייער אָנגעכאַפּט האָט זיינע קרויזן...

ס'איז געשפּרונגען ברענענדיק, דאָס שעפּעלע — שטיק פייער,
— מאַ־מע! מע! — גערופן צו דער מוטער, דער געטרייער.

פון דער ווייט די סטאַדע האָט געקוקט, געזען דורך טרערן
ווי די בייזע פלאַמען טוען ס'שעפּעלע פאַרצערן.

נישט גערירט האָט קיינער — ס'קענען אָנשטעקן די פלאַמען —
נאָר דורך אַלע וואָלן ס'האַרץ געשפּאַרט האָט פון דער מאַמען,

און צום שעפּעלע אַוועק — איר טרער געקילט האָט זיינע ליידן —
ביז דער פלאַם דער בראַנדיקער פאַרצערט, פאַרציקט האָטביידן.

## צווײ פערדן־קעפּ באַגילדטע...

צווײ פערדן־קעפּ באַגילדטע פֿאַר דער יאַטקע צוגעשלאָגן.
צו דער יאַטקע איז פֿאַרפֿאָרן און זיך אָפּגעשטעלט אַ פערד־און־וואָגן.

איז אַראָפּ פֿון וואָגן פֿלינק אַ יונג מיט רויט־פֿאַרשמירטע בגדים,
ס'האָט נעבערענגט צו פֿירן ס'פערד אַ וואָגן פערדפֿלייש אויסצולאָדן.

שטיקער פערדפֿלייש אויפֿן נאַקן גיך געכאַפּט, און ס'פערד, במחילה,
האָט פֿאַרטיפֿט זיך אין דער טאָרבע האָבער און אין דער אכילה,

רודערט מיטן פּיסק די טאָרבע, קײעט, קײעט, און אינצווישן
טוט זיך במנוחה זײַנע פערדישע באַדערפֿענישן.

פֿאַר דער נאָז פֿון פערד האָט שטיקער פערד דער יונג פֿאַרבײַגעטראָגן —
זײַטן גאַנצע, פֿולע פֿריידיקס — פֿונעם טונקלען שעכטהויז־וואָגן.

מיט איין אויג האָט ס'פערד געקוקט און גאָרנישט נישט געזען מסתמא,
ווי די פערדן־קעפּ — די צווײ באַגילדטע שילדן, די רעקלאַמע,

און כסדר אַלץ פֿאַרטיפֿט זיך אין דעם האָבער דעם געשמאַקן
און געקײעט מיט הנאה, רײַבנדיק אויף בײדע באַקן.

# די קענגור

וואָס קוקט איר, טיפּשים ? — פּרענט ביי מענטשן די קענגור — מה רעש?
איז וואָס, אַז כ׳האָב מיר אויפן בויך אַ קעשענע, אַ טאַש ?

מיין טאַש, ווי ס׳איז באַוווּסט, האָט נישט קיין שניידער אָנגעניימ,
ווי אייערע — אויף אייער מלבוש, הויזן, ראָק, צי קלייד.

איך טראָגט אין אייער טאַש פּאַרמעגן, אוצרות, געלט און זינד,
און איך, אין מיינער, ווי מען זעט — אַן עופּעלע, אַ קינד...

פון טאַש ארויס מיין עופּעלע קוקט אויך אויף אייך — מה רעש ? —
ס׳האָט אויך אַ טעשעלע, דערוויל — ס׳וועט שפּעטער זיין אַ טאַש...

און ווי ביי מיר, די טאַש וועט זיין ביי אים א ווינגל אויך,
און ס׳וועט אין איר אַן עופּעלע אויך טראָגן אויפן בויך...

# די שטרויס

זעט נאָר ווי עס האַלט זיך דאָס דער מענטש אזוי אין גרויסן —
זאָגט מיט רעכט די שטרויס צו אירע חברטעס, די שטרויסן. —

קוקט נאָר אָן די דאַמע מיטן הוט און גרויסער פעדער —
צוגערויבט פון אונדזער ראַסע, ווי עס ווייסט דאָס יעדער.

וואָס-זשע, כ׳בעט אייך, האָט דער מענטש אזוי דאָס צו שטאָלצירן —
אז וואָס מיר האָבן אויפן עק, איז אויפן קאָפּ ביי אים א צירונג...

# דאָס קינד און דער העלפאַנט

שטייט א העלפאנט זיך אין זאָאָ
תּמעוואטע, גלאַט אזוי-אָ.

א שטיק ערד, פּאַרצייטיש, גרונטיק,
און מגושם — טויזנט-פונטיק.

שטייט ער ווייכטיק און געוויכטיק,
אזש דעם קינד ווערט ווייל און ליכטיק

ווען עס קומט דעם גבר באזוכן
און עס גיט אים ברויט און קוכן.

ער — א ריז, א הויז מיט גאָרנס.
ס'קינד — א ברעקל א פּאַרלאָרנס.

וואַרפט עס שפּייז, ווי אין א ברונעם —
אין זיין טראָמבע — קוועלט מען פון אים.

קוועלט און לאַכט פון אים דער זאָאָ,
טוט דעם העלפאנט אויך הנאה

פון די פיינע, גוטע זאכן —
מילא, טראַכט ער, לאָמע לאכן...

מיט די שפּילקע־אייגלעך בליקט ער,
טראָמבע שיקט ער אַ געשיקטער,

ווי א פּייערלעשער־קישקע,
כאַפּן פונקען — יעדע קרישקע.

ווייל ס'איז הונגעריק דער העלפאַנט,
ווי די שכנותדיקע וועלף היינט.

מילא, טראַכט ער, לאָמע לאַכן —
ע ר וועט זיך זיין לעבן מאַכן...

בוקט זיך העפלעך צום באַדאַנקען
פאַר די עסענעס־געשאַנקען,

(ווי צום עולם טוט עס גראדע
דער אַקטיאָר פון דער עסטראַדע).

און די אויערן די ברייטע
ווי אַן אַלטן הוט פאַרשפּרייט ער.

אַזאַ נס, נישטאָ זיינס גלייכן,
אז א ברעקעלע, וואָס גרייכן

צו די קנעכלעך קען, באַווייזן
קאָרמען זאָל דעם גבר און שפּייזן;

זאָל דעם ריזן־העלפאַנט העלפן
און דער גבר, דער ריז, דער העלפאַנט,

זאָל דאָס ברעקעלע פאַרוויילן! —
ממש וווּנדער צו דערציילן. — — —

זון, וואָס דו זעסט צו דאָס וווּנדער,
יעדן, זון, באַזון באַזונדער.

# דער חזיר, וואָס היט ריינקייט...

עס איז געווען אַמאָל אַ דבר־אחר,
אַ תקיף אין חזירים־צעך, אַ גאַנצער מאַכער,
אין רינשטאָק און אין מיסטגרוב איז ער נישט געווען קיין גאַסט,
און שטענדיק אויסגעפּאַטשקעט, ווי פאַר אים נאָר פּאַסט,
אין בלאָטע אויסגעשמירט פון קאָפּ ביז פּיס.
כל־זמן ער איז געלעגן, מילא, איז נאָך ווי עס איז,
נאָר אַז ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף אַלע פיר,
אַ מינדסטן טרייסל זיך געגעבן און אַ ריר —
האָט זיך געטרייסלט פון זיין פעל אויף אַלץ אַרום,
אַז אויסגיסן האָט מען געדאַרפט אַ טייך פאַרפום
און אפשר טאַקע גאָר אַ גאַנצן ים...
און אָט דער דבר־אחר האָט אויף אַלץ געזוכט אַ פּגם,
רק אומריינקייט געזען ביי די און יענע,
אַ גאַנצער מומחה ממש אויף היגיענע...
פול געווען איז ביי אים דער שנוק
מיט צואה און מיט מוסר־רייד צוגלייך,
האָבן אים די שטוב־חיות אַמאָל פאַרנאַרט צום טייך,
ער זאָל אין וואַסער־שפּיגל, אדרבא, טאָן אויף זיך אַ קוק,
און אַ גאָב האָט ער געקריגן דאָרט פון יעדן:
אַ חזיר זאָל פון חזיריי נישט רעדן!...

# די פרעש און די ציגן

חושך טוט זיך פשוט, ס'איז שוואַרץ־שבת,
ס'גייט דאָס גאַנצע זומפּלאַנד כּאָדאָראָם,
אָן אומגליק איז אַראָפּ אויף מלכות זשאַבעס —
מען גייט די זומפּן טריקענען, אַ וויסטע בראָך!
די פייכטקייט גייט מען אויסווישן ווי מיט אַ שוואָם.
ווי טרעפט מען נאָך אַזאַ מין פיינעם שליים און מאָך!
דור־דורות זענען זיי, די פרעשלענדער, געזעסן דאָ, געהויזט,
און מיטאַמאָל אַ גזר און אויס מיטן געהויזעכץ,
ווי געגאַנגען ממש זענען זיי אין בלאָטע
און זיך געוואַלגערט אין אַ שפע פון געמויזעכץ...
ווי זיי האָבן דאָס פאַר אַלע זיך געגרויסט
מיט זייערע קאָנצערטן יעדע נאַכט!
נישט געוויסט, חלילה, פון קיין לאַנגווייל, קיין נודאָטע,
און אין הוליאַנקעס ביז אין ווייסן טאָג אַריין פאַרבראַכט.
איצט אין דעם שטיקעלע געשמאַקן עולם־הזה שוין פאַרגעס —
פאַרלאָזן דאַרף מען אַלץ אין איין מעת־לעת...

עס שטייט ביים ראַנד פון זומפּ אַ מחנה ציגן
און שוין, באַצייטנס מעקען זיי פאַר פרייד און פאַרגעניגן,
שפּרינגען פאַר גרויס נחת שוין און טאַנצן:
די ערד וועט ווערן טרוקן באַלד אינגאַנצן
און אַלץ אַרום וועט זיין מיט פאַשע — גרין,
מתיהדיקע גראָזן וועלן זיין לרוב
פאַר זיי, און אויך, להבדיל, פאַרן נידעריקן מין:
די קעלבער נאַרישע און די געקרויזטע שאָף...

הכלל, ס'וועט זיין אַ שפע און אַ זעט.
עס וועט... עס וועט... עס וועט... —
שפרינגען זיי התלהבותדיק און פּאָכען מיט די בערד —
און אין דער זעלבער צייט דאָס זעלבע שטיקל ערד
פאַר איינעם אין דער סביבה א גדולה ווערט
און פאַרן אַנדערן אַ צרה גאָר, פאַרקערט.

# די קוואָקע

מיט איר געזינטל נייט זיך גדלותדיק אַרום די קוואָקע,
גיט אַכטונג דאָ און דאָרט מיט בליקן מאַמישע, געניטע —
קיין שום בייז אויג אויף אירס אַ קינד נישט האָבן זאָל קיין שליטה,
און שטרענג, אויף רעכטס און לינקס, זי וואַרפט אַן איינגל קרום, קאָסאָקע.
וואָס וועט זי דען נישט טאָן אַלץ אָפּצוהיטן
די הינדעלעך — איר האָב-און-גוטס דעם נאָר-וואָס אויסגעבריטן,
וואָס האָט די אייערשאָל — די ערשטע שווערקייט, אַדורכגעבראָכן
און פון די אייער, ווי פון קליינע שיפעלעך, געלאַנדעט מיט נצחון.
נייט-אום מיט איר משפחה שטאָלץ און פאָרזיכטיק די קוואָקע
און זוכט תיונה, קערנדלעך — אויף וואָס זי האָט חזקה.

בלענדיק לויפן נאָך נאָך איר די הינדעלעך מיט אַ געפּילדער,
ווי נאָכגעקייקלט וואָלט זיך איר אַ זומער-זון אַ מילדע.
אָט דוכט זיך, אַז אַ וואַסערשטראָם פּלייצט נאָך נאָך איר כסדר,
צי גאָר ווי ביי אַ גרויסער דאַמע נאָך די קליידער
וואָלט הינטן נאָכגעצויגן זיך אויף דר׳ערד אַ שלעפּע.
די קוואָקע היט, עס זאָל זיך מיט אַ שפּרונג און בייזן האָווקע
אַ כלב נישט אַ הינדעלע פאַרגלוסטן טאָן אַ טשעפּע,
צי ס׳זאָל אַ שלעכטן מענטש אַמאָל זיך נישט פאַרוועלן דווקא
אַרויסנעמען אַ קליינס ביי איר און ערגעץ-ווו פאַרשלעפּן.

די הון, כאָטש קליין און שוואַך, ווערט דאַן אַ גיבורטע אַ גאַנצע
און ס׳ווערן אַלע פעדערלעך די גרינגע איר אַ פאַנצער.
אין פייער און אין וואַסער איז זי גרייט אַ שפּרונג צו געבן —
פאַר דעם, וואָס גייט איר נאָך פון הינטן — פאַרן לעבן...

✶

פשוט איז דער נמשל, וואָס לאָזט הערן זיך צום סוף:
לאָמיר, קינדער, לערנען זיך פון פראָסטן, בידנעם עוף.

# דאַס פּישעלע

די וועגטקע־שנור טיף אינעם וואַסער פאַרזינקט,
פאַרלאָקערט דאָס פּישעלע, בייגט זיך און ווינקט,
מיט ריידעלעך זיסע זי טשאַקעט און רעדט:
— עס וויל דיר מיין שנירעלע געבן אַ גלעט...
וועסט איינשטיין ביי מיר אין אַ גלעזערנעם שלאָס,
וועסט שווימען אין וועלעכלעך גאָלדיק און ראָז.
איך וועל דיך מיט זילבער באַהענגען און צירן,
און כ׳וועל דיך מיט אייל און מיט פּוטער באַשמירן...
ליינט־איבער זיך ס׳פּישעלע, דרייט אויס דעם עק,
און ס׳שווימט זיך צוריק און עס שווימט זיך אַוועק —
צום ערשט וועט עס שווימען די מאַמעשי פרעגן,
און הערן ווי האַלט זי, וואָס זאָגט זי דערוועגן.
איז די מאַמע פאַרפאָרעט ביי זיך אין דער היים —
אין שטיבל פון בלעטער, פון ריטער און שליים.
ווי נאָר זי דערהערט דאָס, אַזש ווערט איר נישט־גוט,
באַגיסט זיך מיט וואַסער און פאָכט מיט אַ רוט.
— אַז ווי איז צו מיר וואָס איך הער !... ווי־און־ווינד
וועט זיין צו דיר, פּישעלע גאָלדנס, מיין קינד,
אַז צורעדן לאָזן זיך וועסט פון דער שמד,
פאַרלאָזן מיין שטיבל פון שליים און פון בלאָט.
זאָלסט ליגן, מיין קינד, ביי דער מאַמעשים שיפּן,
און הער נישט דעם זולל־וסובאניקס ליפּן,
ווייל ענג וועט דיר זיין דאָרט, אין גלעזערנעם שלאָס,

נישט איינמאָל זיך וועסטו צעקלאַפּן די נאָז
אין גלאָז — אין דעם כלומרשטן דרויסן.
זאָלסט אויך מיט זיין צירונג־פּאַרמעג זיך נישט גרויסן,
ווייל וואָס קען זיין שענער נאָך פון דיינע שיפּן ?
אויב היטסטו זיי אָפּ, היטסטו אָפּ דיינע ריפּן.
דעם גלאַנץ פון זיין זילבער זאָגט־צו דיר דער פרעסער,
נאָר ווייסן זאָלסט דו : דאָס איז גאָפּל־און־מעסער !...

# דער העלפֿאַנט און די פֿילן

שלאָף געוואָרן איז, נישט דאָ געדאַכט פֿאַר קיינעמען, דער העלפֿאַנט.
רופֿט מען גלייך צו אים דעם רופֿא, אַז ער זאָל אים העלפֿן
גענעזן ווערן מיט אַ רפֿואה־שלימה.
קומט ער אָפּשטאַטן דעם העלפֿאַנט אַ באַזוך
מיט זיין שרעקנדיקן טאַש מכשירים די געהייסע,
וואָס ביים דערזען זיי גייט דעם חולה דורך אַ סקרוך
און הייבט נאָך מערער אָן זיך צו באַקלאָגן...
דער דאָקטער, ווי דער שטייגער, פֿרעגט זיך נאָך אויף אַלץ:
אויף דעם שלאָף, דעם שטולגאַנג, אַפּעטיט און מאָגן,
און הייסט דערלאַנגען זיך אַ לעפֿעלע צום האַלדז.
דערנאָך פֿאַרשרייבט ער עפּעס וויכטיק, שנעל, געשיקט,
און מיט אַ כּתב, וואָס איז אַזוי פֿאַרציקט,
אַז ס'איז דעם העלפֿאַנט גאָר אוממעגלעך דאָס איבערצולעזן,
נאָר, מילא, טראַכט ער זיך, אַבי מען ווערט דערפֿון גענעזן;
אַבי ס'איז דער אַפּטייקער ווילגעלערנט און באַהאַוונט,
וואָס איבערלעזן קען ער גאָר די שווערסטע כּתבֿן.
הכּלל, פֿאַרשריבן האָט דער דאָקטער אַ רעצעפּט:
פֿילן. איינגעמען אַ פּיל צו יעדן מאָלצייט. זינט ער לעבט
האָט דער העלפֿאַנט נאָך פֿון אַזאַ מאכל נישט געהערט,
און לאָזט אַראָפּ אַ ברוגזער די טראָמבע ביז צו דר'ערד
ווען ער זעט, מען נעמט פֿון שקאָרמיץ און מען שטרעקט אים אויס
אַ פּיל, אַ פּיטשעמאָנטשיק, ווי אַן אַרבעסל די גרויס,
אים, אַ ריז, אַ העלפֿאַנט ווי אַ הויז, קיין עין־הרע,
וואָס איינשלינגען קען ער מיט איינמאָל אַן אַפּטייק!
מען מאַכט פֿון אים ס'גענאַר, זעט אויס, אַ סבֿרה;

— ! נישט אַנדערש, נאָר מען וויל אים צו אַ שפּיל־קינד פאַרנלייכן
גיט ער ראַפּטום און מיט כעס די טראָסבע אַ פאַרבייג
און אַ פאַרדריי אַרונטער, ווי אַ פראַגע־צייכן:
היתכן, פרעג איך, אָט־דאָס פּילעכל דאָס קליינע
קען מיך, אַ ריז, געזונט מאַכן און ברענגען צו די כוחות מיינע ?!
— !כ'בין נאָך נישט אַזאַ גרויסער נאַר ווי גרויס איך בין, איך זאָל דאָס מיינען
דערביי גיט ער די טראָסבע אַ פאַרוואַרף, ווי ביי אַ פערד אַ הויבער,
ווען ער שטרעקט זיך אויס נאָך לאָרונג, נאָך אַ קאַסטן, צי אַ קויבער,
— און ער גיט אַ כאַפּ דעם גאַנצן שקאַרמיץ פּילן און כהרף־עין
ער שלינגט אים איין... נאָר ווייַ איז אים, ווי ווערט ער אים פאַרדייען ?:
ער הוסט און קרעקט זיך און דאָס הוסטעניש איז נישט צום צאַמען,
(איין פּיל איז בימער — נו, היינט הונדערט שטיק צוזאַמען !)
— ,פאַר די אויגן נעמען רעדער גאָלדענע זיך דרייען, פליען, מיניען
...? כאַטש נעם און כאַפּ — נאַר, ווייַ, ווער האָט דען איצטער גאָלד אין זינען
דער דופק, גלייך ווי ס'וואָלט אים ווער געיאָגט, אַשטיינער, איצטער,
נעמט איילן ניך, ווי אַ פאַרשפּעטיקטער צום באַן, אַ רויט־פאַרשוויצטער.
און פּלוצים ווערט דעם העלפאַנט פינצטער פאַר דער ראיה
און ס'כאַפּט אים אָן אַ ברעכעניש און שוואַכקייט אין די קניען,
און וואַקלט זיך און בייגט זיך צו דער ערד, ווי בגילופין.

...ערשט ס'האָט געמוזט צו אים דעם טייערסטן פּראָפעסאָר רופן

# ראָבן

אָנהייב פרילינג. דאָס פּאָרפּאָלק, דער ראָב און ראָביכע, איז זיך געזעסן
אויף אַ צווייג, וואָס האָט זיך אָנגעגורט, שוין אָנגעברייט צום בליִען.
נאָר וואָס גייט זיי אָן דער פרילינג, אַז קיין פּגר זעט מען נישט צום פרעסן.
האָט די ראָביכע זיך אָנגעזעצט, דעם ראָב געגומען טאָרען, ציִען,
דראָענדיק אים מיטן שנאָבל, וואָרפנדיק אָן אייגל בייז און קאָסע:
— געדענק, אויב וועסט מיך נישט באַזאָרגן מיט פּרנסה,
וועל איך דיר באַלד דאָ אויסטרענען אַ פליגל!

דער ראָב האָט נישט דערווידערט, נישט געהאַט האָט ער בדעה זיך צו קריגן
און איינגעמען האָט ער געוואָלט זיין פּלוניתטע מיט גוטע רייד:
— וואָס קען מען טאָן, אַז שלום איז דערוויי, אַזאַ פּאַסקודנע צייט,
כאַטש לייג דעם שנאָבל אויף דער פּאָליצע און — קראַ! — קראַפּיר!
נאָר נישט געזאָרגט, מיין טייערע, מיין ליכטיקע נשמה,
וועסט זען, וועסט זען, ס'וועט ווידער זיין מלחמה
און מזל־ברכה זיין פּאַר אונדז וועט אָן אַ שיעור.
עס וועט זיין טויט, קיין עין־הרע — נו, איז מאַכן וועלן מיר אויפסניי אַ לעבן,
וועסט לעבן, זאָג איך דיר, און לאַבן, ווי דו ווינטשסט זיך עס אַליין.
איי, וועסט זען, אַ שפע וועט דאָס זיין, ווען גאָט וועט געבן,
און פול וועט זיין דאָס פעלד מיט בלוט, געדערעם און געביין.
וועסט זען, וועסט זען... — מיין ראָביכע, מיר דאַכט, ס'איז ווידער קריג! —
האָט גיך דער ראָב פּאַר שמחה אַזש זיך מיט דער צווייג צעווינגט,
און מיט די אויגן, ווי צוויי שוואַרצע קנעפּלעך פון אַ טויטן־בגד,
אין דער ווייט זיך איינקוקן געגומען גיריק, שאַרף און טיף,
און אָנגעשטעלט דעם שנאָבל האָט ער, ווי אַ קריגס־באַפאַלער דעם שפּאַקטיוו —

— מיין ראָביכע, ס'איז קריג! אין פעלד דאָרט, פאַר דער קרייציקונג פון וועגן
כ'זע ליגן גופים שוין, די ערשטע צוויי פגרים! לאָמיר ציִען! —
און נים די פליגל אַ פאַרשאַרץ, ווי שוואַרצע, אומהיימלעכע פּאָלעס.
די ראָבן גיבן זיך אַ לאָז (עס אָטעמט-אָפּ די צווייג, וואָס גרייט זיך בליִען)...

אין פרילינגדיקן פעלד, פאַר עדות צוויי געשווירענע — טאָפּאָליעס,
געלעגן זענען טאַקע דאָרטן זיך צוויי גופים... —
דאָס איז געווען אַ ליבע-פּאָר, פון פרילינג-דופט און ליבע בגילופין
און מיט זון, ווי מיט אַ צודעק, אַ באַגילדעטן, פאַרדעקט.
פון זיסן דרימל האָבן די פאַרליבטע לייכט זיך קוים איבערגעוועקט
ווען די ראָבן האָבן מיט גערודער זיך דערנעענטערט צו זיי
און אַרומגעקרייזט די גופים זייערע מיט פליגל-פּאַטשן און געשריי.
דערשראָקן, איבערראַשט, דאָס ראָבן-פּאָר, שוין גרייטנדיק צו געבן
אַ לאָז אַריין זיך אינעם בלוט פון אַ געראָטענער און פעטער שחיטה,
האָט גיך זיך אָפּגעטראָגן — ווייל צו ליבע, פרילינג און צום לעבן
האָבן ראָבן נישט קיין שליטה.

# דער וואָלף און דאָס לעמעלע

געשריבן האָט דער וואָלף צום לעמעלע בזה הלשון:
„איך לאַד דיך איין צו מיר אויף מיטאָג היינט".
האָט דאָס לעמעלע מיט גרויס צופרידנקייט דאָס בריוועלע געלייענט,
געטראַכט: דער כעס האָט זיך ביים וואָלף שוין איינגעלאָשן,
נישט אַנדערש, נאָר ס'איז שוין משיחס צייטן.
און ס'איז די פרייד פון לעמעלע געווען אין־לשער,
האָט עס דערפאַר
די איינלאַדונג פון וואָלף אָן קווענקלעניש אָנגענומען,
געפוצט זיך און געפעדערט, זיך גענומען גרייטן,
געלאָזט זיך מער די לעקעלעך ביים שערער אָנדולירן,
געהייסן זיך באַשפּריצן מיט די טייערסטע פּאַרפומען
און נישט פאַרגעסן אויפן וועג צו קויפן בלומען.
הכלל, געפירט זיך אַרטיק, ווי מען דאַרף זיך פירן
ביי לייטן און ווי ס'פּאַסט.
— ווילקאָמען, ליבער גאַסט!
ווי גליקלעך און צופרידן בין איך פון דיין קומען! —
האָט דער וואָלף דאָס לעמעלע גאָר פריינטלעך אויפגענומען —
נאָר כ'בעט דיך, שטופּ מיר נישט קיין בלומען צו די ציין,
דו ווייסט אַליין,
אַז דאָס איז נישט פאַר מיר קיין מאכל,
כ'האַלט, וואָס אַן אמת, מער, מיין ליבער גאַסט, פון בשר,
איך קאָן דיר שווערן, אסור,
אויב ס'האָט שוין עמעצער מיט בלומען ווען פאַרבראָקט אַ יאיכל...
ווי גוט, מיין טייערס, האָסט צו מיר אַצינד אַריינגעטראָפן!
מיין אַפּעטיט איז גלענצנדיק און פיין!...
נאָר הער, צוואָס־זשע דאַרף איך דאָ מיט הינטערוועגן גיין,

כ'האָב ליב צו זיין נאָר אויפריכטיק און אָפן,
אָן לאַנגע שהיות, הער, מיין טייער קינד,
דו קענסט שוין זאָגן ווידוי און זיך אָפּגעזעגענען געשווינד...
— וואָס הייסט ?—
האָט שטיל ביים לעמעלע די שטים געציטערט אין געוויין —
דו האָסט דאָך מיר געשריבן שוואַרץ אויף ווייס,
אַז דו לאַדסט מיך איין אויף מיטאָג, נאַ, נאַ, זע אַליין.
דערפאַר האָב איך דאָך היינט צו דיר זיך אויסגעקליבן.
— ס'איז אמת, טייערס, איך האָב דיר געשריבן
און טאַקע אייגנהענטיק, שוואַרץ אויף ווייס:
„איך לאַד דיך איין צו מיר אויף מיטאָג". איך האָב נישט געמיינט,
חלילה, דיר צו זאָגן ליגן, ציַ אַ שפּאַס.
„איך לאַד דיך איין צו מיר אויף מיטאָג היינט" — דאָס הייסט
אַז דו וועסט זיין מיין מיטאָג און צוגלייך מיין גאַסט.
מיין טייערס, איך האָב ליב צו זאָגן אָפן וואָס איך מיין —
און ס'האָט דער וואָלף דעם לעמעלע געוויזן זיינע ציין...

★

די לעצטע שורה און דער נמשל, מיינע ליבע קינדער, זענען,
אַז אויף דער שפּראַך פון פיינט באַדאַרף מען זיך צו קענען

# IV

# אַ פערד אויף דער פּאַשע

מען האָט אַרויסגעפירט אַ פערד באַגינען אויף דער פּאַשע.
מסתמא נישט צו לערנען דאָרטן תוספות און רש״י.

אַ גרינער בעקן איז די לאָנקע, וואָס מ׳איז אים מתנה,
און ס׳איז אין די געשמאַקע גראָזן טויזנט טעם פאַראַנען.

דאָך אכלט ער אָן חשק און ער גייט אַרום פאַרצאָרנט —
מען האָט, אַז אָך־און־וויי, די פיס געפענטעט אים, פון פאָרנט.

מען שמייסט אים נישט, חלילה, ס׳שניידט אים קיינער נישט די לעדער...
און נישט אַרומגעשטעלט מען האָט אים מיט אַ פלויט, אַ גדר.

ס׳הייסט, עסן וועט ער קענען וויפל נאָר זיין הארץ וועט וועלן,
נאָר ווייטער פון דעם שטיקל פעלד וועט ער אַ פוס נישט שטעלן.

ס׳איז אמת, מיט די ציין קען ער די גראָזן רייסן, פליקן,
נאָר וואָס איז מיט אַ ביסיטשקע זיך קענען פריי צעבריקען ?...

# אין שפּאַן

צעבריקעוועט, צעיאָכמערט, לויפן גיכע
מיטן וואָגן — פערד און פערדעליכע.
צווישןביידע איז דער דישל אין דער מיט.
שפּאַנט מען אויף די וועגן אַלט-באַקאַנטע,
פאַרגעסט מען אָפט, אַז ס'איז גאָר איינגעשפּאַנטע,
און קאָפּ צו קאָפּ זיך לאַשטשעט, בייגט און ציט...

נאַקעט איז דער נאַקן, שיין, ווי תמיד,
ליגט ער אָבער איינגעקוועטשט אין כאָמעט,
רייסט זיך פון געשפּאַן דער חשק — פריי!
ס'ווייסט דער פערדפאַרשוין ווי גוט ס'איז פערדעליכע,
איר גלאַטע פעל איז אים גאָר ליב און ניחא,
ער גיט אַוועק פאַר איר דעם גרעסטן בוידעם היי...

עך, ווען נישט דער כאָמעט דער פאַרשיווער,
איין פּלאָנטער וואָלט געווען פון ביידנס גריוועס,
פון אַלע גלידער וואָלט געווען איין גליד.
דעם קאָפּ פאַרוואַרפן ווילט זיך, דעם פאַרשייטן.
ווי נאָענט וואָלט איצט דערפילט איין פערד דעם צווייטן! —
נאָר צווישן ביידע איז דער דישל אין דער מיט...

# די קו מיטן גלאָק

אין די בערג פון ישוב גייט אַרום אַ קו,
נישט געוווּסט וואָלט קיינער פון די דאָרפסלייט ווּ,
ווען זי וואָלט נישט טראָגן אויפן האַלדז אַ גלאָק
און מיט אים געקלונגען דאָרט אַ גאַנצן טאָג.
ס'האָט איר נישט ביים גוידער צירונג אָנגעטאָן,
זי זאָל אויסזען גביריש, דאַמיש, אין באָן־טאָן...
אין די ווייכע גראָזן ווי נאָר זי נעמט גיין
ניט זי גלייך צו וויסן, מסרט זיך אַליין :
גלין־גלאָן, ביטע, ביטע, דאָ בין איך, גלין־גלאָן.
ס'ווערט איר צוגעגעסן, נמאס, מאָנאָטאָן,
שטענדיק מעלה־גירהן אַלץ דעם זעלבן טאָן,
פונעם קלינגען גייט שוין אַ חלשות אָן.
גלין־גלאָן — ווי זי גיט נאָר פונעם אָרט אַ ריר.
לינן דאַרף זי שטענדיק, שפּאָרן אַ שפּאַציר.
לינן — פאַרן קצב נעמען אויף דער וואָג,
אָדער פאַרן גרעזל קלינגען איר געקלאָג.
וויי, אַז ווי זי שטעלט נאָר אויף דער ערד אַ פוס,
צי זי וויל, צי וויל נישט, קלינגט זי — ווייל זי מוז.

# סוף זומער...

סוף זומער קומט מען אויפן פעלד זיך מי'ען,
מען פירט אוועק די תבואה צו די שייערס,
ס'קלאפן מענטשן פון די זאנגען אוים דאָס חיות.
נו, איז וואָס־זשע איז דאָס פאַר אַ נייעס ?

ס'גיבן זאנגען ברויט און ווייסע חלה,
בלייבן אויך די הוילע שטרויען ניצלעך ;
גאָרנישט גייט אויף אונדזער ערד פאַרפאַלן —
מען צעשניידט די שטרויען אויף פּיין־פּיצלעך.

עסן פערד פון זיי מאכלים זייער פיינע,
ווי די מענטשן — ס'ברויט, גאָר אַפּעטיטלעך ;
שטיל, געלאַסן קייען־איבער זיך די ציינער,
פון די קאַריטעס און טאָרבעס — גאַנץ געמיטלעך.

נאָכן עסן טוען זיי, ווי ס'איז דער שטייגער
דאָס, וואָס איז ביי זיי פון עסן דער פּועל־יוצא ;
מאַכט זיך קיינער נישט פון דעם קיין דאגות —
ס'קלויבן מענטשן אויף דאָס מיסט — אַן אוצר !...

זענען פערד שוין נישט קיין עסערס קיין אומזיסטע,
דאַנקען אָפּ פאַר מענטשנס גוטס און כיבוד;
ווערן פעלדער ווידער צום גערעטעניש באַמיסטיקט —
גאָרנישט גייט אויף אונדזער ערד לאיבוד.

וועט מען ווידער שניידן, דרעשן, מאָלן, באַקן,
ס'וועלן טישן זיין אויפסניי מיט ברויט געגרייטע,
ס'וועלן ווידער קייען פערד דאָס שטרוי ס'געשמאַקע —
און אַזוי ווייטער נאָך און אַזוי ווייטער...

# פערד אויפן שליאַך

אויף אַ שליאַך געצויגן האָט אַ קאַראַוואַן פון פערד־און־וואָגנס,
באַלאָדענע מיט פאַשע אַלערליי.
וואָס וואָלט, מישטיינס געזאָגט, געווען צו זאָגן
וועגן זיי,
ווען נישט די לאַנגע אויסטערלישע ריי,
ווי יעדעס פערד, אַחוץ דעם ערשטן,
געהאַט האָט נאָענט, פאַר זיך, אַ מאָלצייט פון כל־טוב —
פון היי, פון האָבער און פון גערשטן,
צום אונטערלענען זיך דעם זינדיקן און מידן גוף,
ס'זאָל קיין שום שמייסער־יונג נישט וויסן פון דעם טעם.
כאָטש ס'האָט אין מויל געפּלאָנטערט זיך די נמאסדיקע צאַם,
פאַרשאַפנדיק פיל ערגערניש און גרויס פאַרדרוס,
מען האָט גענומען רייבן מיט די ציין געשמאַק,
נישט וואַרטנדיק אויף כבוד ביז מ'עט זאָגן: נו, ר' סוס,
עץ קענט שוין גיין און וואַשן זיך צו „שאו ידיכם"...
כל־זמן האָסט האָבער לעבן זיך, מאַכט רש"י: האַק!
שטרעק אויס די מאָרדע בלויז צום וואָגן און דערגרייך אים!
און גייענדיק אזוי דעם גאַנצן וועג אין שפּאַן,
אַריינגעטאָן דעם קאָפּ אין צווייטנס וואָגן און אין פרעסן,
עס האָבן אַלע פערד פון קאַראַוואַן
אינגאַנצן שוין געהאַט פאַרגעסן
אין זייער פאַרגייער, דעם פערד דעם סאַמע ערשטן,
וואָס ער האָט נישט געזען פאַר זיך קיין וואָגן היי,
קיין האָבער און קיין גערשטן,
נאָר בלויז אַ לאַנגן, שטויביקן שאָסיי,
און וואָס מיט זיבן שווייסן אָפּגעגאָסן,
האָט ער געמוזט זיך מקריב זיין פאַר אַלע פערד־גענאָסן.

# דאָס לאָשיקל

היימיש איז דער קאַנט, באַקאַנט,
ס'שפּאַנט דאָס פערד געשפּאַנט און שפּאַנט,
פּאָרנט גייט עס אינעם יאָך,
הינטן ס'לאָשיקל גייט נאָך.
לאָשיקל איז יונג און קליין,
קען עס פאָרנט נאָך נישט גיין.
משא איז פאַר אים נאָך שווער,
ס'איז ביים וואָגן אויף דער לער.
ס'האָט די מאַמע אים געהאַט
אייערנעכטן ערשט כמעט,
אויף אַ פרישער קופּע שטרוי,
אָן אַ הייבאַם, אָן אַן „אוי".
גלייך געטאָן צום היי אַ שמעק
און צום דרויסן זיך אַ שטרעק.
גלייך פון קימפּעט האָט דאָס פערד
זיך צום וואָגן אומגעקערט,
אין די האָלאָבליעס אַריין,
נאָר דאָס מאָל שוין נישט אַליין —

עפּעס אייגנס גייט אים נאָך,
ליב פון לייצעס איז דער פּאָך,
ס׳טוט נישט ווי דער בייטשן־שמיץ,
קילער איז אין וועג די היץ,
און אין דישל — נישט פאַרצאַמט,
און דאָס היי איז מער באַטעמט —
אַז דו ווייסט, פון הינטן גייט
לאָשיקל, אין וועג באַגלייט.
הירזשעט לאָשיקל פאַר פרייד,
אַ פערדאַטש, אַ גאַנצער לייט,
ווי די מאַמע אויסן אויג.
גיט עס מיטן קאָפּ אַ בויג,
גיט אַ שאָקל ווי אויף יאָ:
„גאָרנישט מיאוס דאָס וועלטל דאָ,
יאָ, ס׳געפעלט מיר גאָר, עס טויג״ —
גיט עס ווידער זיך אַ בויג,
ווי עס וואָלט באַגריסט מיט לויב
דאָ אַ פויגל, דאָ אַ טויב,
דאָ אַ וואַסער, דאָ אַ בוים,
נאָר ווען ס׳זעט דער מאַמעס צוים

ווערט אים פריקרע און נישט-גוט ;
זעט ווי ס'פאַלט אויף איר די רוט
כאַפּט אים אַ רחמנות אָן,
ווילט זיך שטעלן אויבנאָן
און פאַרשטעלן מאַמעס לייב
ווען די בייטש גיט זיך אַ הייב.

מיטאָג-צייט, אַ תמימה, היים,
פון דער מאַמען רינט דער שוויים,
קוקט דאָס לאָשיקל און זעט,
חלשט גען איר אַ גלעט
און איר אָפּווישן דעם שוויים,
ווייל דאָס לאָשיקל שוין ווייסט
ווי צו פאָכען קיל און פיין,
מיטן עק זיך אומצוגיין.
פלינן אויף דער מאַמעס קאָפּ,
שטעלן ביי אָן אויג זיך אָפּ,
שטעלן דווקא זיך אַוועק
וווּ עס גרייכט נישט מאַמעס עק.
האָט דאָס לאָשיקל פאַרדרוס,
גיט אַ בריקע מיט אַ פוס,

רייסט זיך פון דער פעל אַרויס,
ווייל נישט גיין פון הינטן בלויז,
ווייל שוין, ווי די מאַמע, זיין
גרויס, מיט איר אין שפּאַן צו גיין.
העלפן מיט אַ פּאָך, אַ ריר,
שלעפּן משא גלייך מיט איר,
כאַפּן שמייץ אַזוי ווי זי,
ס׳זאָל אים טאָן אין לייב אַ ברי,
ס׳זאָל אים ברִיען ביזן ביין —
און דער מאַמען — גרינגער זיין.

# דער פונק

קלאַפּן פּאָרקעוועס אין ברוק,
טוט דאָס פערד צום שטיין אַ קוק:
ס'שפּריצט אַ פונק, אַ פייער-שטיק,
ס'ווערט אַזש ליכטיק אים אין בליק,
און ער שטוינט: אָווא, ווי שיין!
שמייכלט פערדיש מיט די ציין,
און ער גאַפט אַזוי און קלערט:
ווען-זשע האָט מען דאָס געהערט,
אַז אַ נאַריש-פּראָסטן סום
זאָל זיך שיטן גאָלד פון פום?...

גיבן פונקען זיך אַ שיט,
גלייבט דאָס פערד אַליין זיך ניט,
ער זאָל האָבן דאָס געקענט,
ער, וואָס האָט קיין שום טאַלענט...
האַלטן נעמט ער באַלד פון זיך
מער פון די, וואָס טראָגן שיך,
און וואָס עסן נישט קיין היי —
טאַקע, ווי קומט ער צו זיי?
און עס פאַלט אים גריילעך איין,
אַז ער קען אַן עושר זיין;
שאַרן קען ער שטיקער גאָלד —
נאָר נישט זיין קיין פערד, קיין יאָלד!... —
נאָך זיין שטאַרקן טופּ און קלונג
ווערט ער כאַפּן יעדן פונק

אין זיין טאָרבע־זאַק אריין,
יעדן פונק — אַן איידלשטיין ;
אַ שטיק גאָלד פון בעסטן סאָרט,
וועט אין זאַק זיך ליגן דאָרט,
עלעהיי עס ליגט אין באַנק...
אַזוי קלויבן וועט ער לאַנג
ביז ס׳וועט ווערן מער און מער,
ביז דער זאַק וועט ווערן שווער.
שטאָט דעם שלעכטן, פוילן היי,
שטאָט דעם האָבער — קיי און שפּיי,
זיין וועט דאָרטן אַ פאַרמעג,
וואָס נאָר חלומען מען מעג :
פון שמאַראַגד און פון בּאַרליאַנט ;
זילבער — מיט דער פולער האַנט ;
גאָלד מיט דימענטן פאַרבראָקט —
אַלע פיינע פערד געזאָגט !...

און ווי נאָר ער וויל דעם פונק
מיט דער מאָרדע טאָן אַ שלונג,
אים באַהאַלטן און דערנאָך —
כאַפּן פונקען נאָך און נאָך,
ווערט אים פינצטער, וויי־און־ווינד,
ס׳גיט דער פונק נאָר אַ פאַרשווינד,
ס׳לעשט זיך אים דער אוצר אויס,
און די טאָרבע בלייבט אים בלויז...

# דאָס אייזל פון משיח

זינט ס'האָט דאָס אייזל זיך דערוווּסט די גוטע נייעס,
אַז קומען וועט משיח גאָר אויף אים צו רייטן,
איז ער געוואָרן גרויסער יחסן איבער אַלע חיות
און גאָרנישט טאָן געוואָלט, געוואַרט בלויז אויף משיחס צייטן...
צום דישל לאָזט ער זיך נישט שפּאַנען מער, ווי פריער.
אַ קלייניקייט — די לעבעדיקע טראָן־שטול פון משיח!
ער לאָזט זיך מער נישט אָנטאָן אויפן האלדז דעם כאָמעט,
גלייך ווי דאָס וואָלט זיין פעל די כשרע געמאַכט אים טמא.
און גרויס איז ער ביי זיך און וויל זיך גאָרנישט מישן
אין די עסקים פון די שטאַל־קאָלעגן, זיינע מיטבאַשעפענישן.
וואָס? ער וועט שלעפּן, כ'בעט אייך איבער, וואָגנס צואה?
אָ, נישט געטראָפן ס'אָרט, איר זענט זיך, זייט־זשע מוחל, טועה.
ער לאָזט זיך מער נישט אָנשלאָגן קיין פּאָרקעוועס פון אייזן,
נישט אַנדערש, אָפּגילטן באַדאַרף מען אים, משיחס אייזל!
דער וועג צו דער גאולה, מיינט ער גאָר, איז אויסגעפלאַסטערט
מיט גאָלד און זילבער, איידלשטיינער און אַלבאַסטער.
באַזונדער האַלט ער זיך און גייט נישט אויף דער פּאַשע,
אַ קנאַפּער עסער איז ער, אַ פאַרזוכער בלויז, אַ נאַשער,
ער שמעקט נישט צו דער קאָריטע, איז גאָרנישט טועם,
אומזיסט־אומנישט דערלאַנגט מען ס'בעסטע היי און שטרוי אים.
אַלץ שאַרט ער אין אַ זייט. וואָס? ער וועט עסן ס'זעלבע
וואָס עס אכלען אָקסן, ציגן, פערד און קעלבער?!
אַן איידל מענגעלע באַקומט ער גאָר אין גיכן
ווי נאָר ער ווערט געוויער אַז ער ברענגט משיחן.
— נישט אַנדערש — ווערן בייז אויף אים קאָלעגן — אַ שגעון!
ער טיילט זיך אָפּ, דער יחסן. נעמט, פאַרפאַרט אים מיט די טלאָען!...

כאָטש גיטס אים יאַיכלעך גילדענע און מאַרצעפּאַנעס,
ווייל אַנדערש איז ער דאָך נישט צוגעווינט, דער שיינער תנא!... —
מען שיספּט, מען הייבט די טלאָען, ס'פאַלן קללות אָן אַ שיעור.
ער הערט נישט, האַלט די אויערן געגרייט צום שופר של משיח.
ווייל גאָרנישט גייט אים אָן און גאָרנישט האָט ער שוין אין זינען.
ער הערט נישט וואָס מען רעדט צו אים, מבטל איז ער יעדן ענין.
ער וואַרט און וואַרט. און מיטן וואַרטן בלויז איז ער פּאַרנומען,
און אַלצדינג לייגט ער אָפּ אויף שפּעטער, ווען משיח וועט קומען...
דערווייל וויל ער נישט טאָן קיין פוס אין קאַלטן וואַסער,
שוין אָפּגעערדט פון אַרבעטן, פון פירן מינדסטע משא.
דעם רוקן שוינט ער אָפּ און לאָזט אים נישט באַרירן,
ווייל טאָמער וועט ער אויף אים דאַרפן אים, זאָל לעבן, פירן.
און עסן עסט ער נישט — עס פּאַסן אים דאָך נישט די גראָז-מאכלים —
און איז מפרנס זיך מיט דעם בלויז, וואָס ער זעט אין חלום,
און דאַרט און קוואַרט, גייט-איין פאַר אַלע אין די אויגן —
ביז ס'האָט דער אייזל-קאָפּ די קאָפּיטעס, במחילה, אויסגעצויגן...

# די ייִדענע און די קאַץ

צו אַ ייִדענע פלעגט קומען יעדן טאָג אַ קאַץ,
איר אָפּשטאַטן אַ העפלעכע וויזיט,
אַריינגעשאַרט זיך שטיל מיט ווייכע, סאַמעטענע טריט.
אַזוי טאָג־אויס, טאָג־איין, ביז אָן זשענירונגען און קוועל
האָט זי געמאַכט זיך דאָרט אַן אייגן ווינקעלע, אַ פּלאַץ.
עס האָט די ייִדענע אין אָנהייב נישט געלאָזט זי אויף דער שוועל
און מיט דער קאָטשערע און בעזעם זי פון שטוב געטריבן.
און ווייל געוויינלעך האָט די קאַץ אַ קעצישן זכרון
האָט זי פאַרגעסן אַלץ און ווידער מיט וויזיטן זיך צו איר געקליבן,
ביז זי איז פון אַ שטאַמגאַסט שוין אַן אייגענע אין הויז געוואָרן.
די ייִדענע האָט זיך צו איר בעל כרחו צוגעוווינט
און אויס רחמנות שוין אַ ביסל זי געשווינט.
עס איז דאָך גאָטס באַשעפעניש — מוז זי איר געבן עסן,
נו, האָט זי טאַקע קיינמאָל נישט פאַרגעסן
איר אָנגרייטן דאָס טעלערל מיט מילך פרימאָרגן,
און אויך דאָס טעלערל פון הימל איז זי גרייט געווען איר צו באַזאָרגן.
נאָר פיינט געהאַט האָט זי די קאַץ בתכלית שנאה
און נאָר געבעטן, אַז עס זאָל זיך עמעצער געפינען
וואָס זאָל זי וועלן צונעמען פון הויז,
אַן עול געווען ביי איר דאָס האָדעווען און שפּייזן
און פון רייניקן נאָך איר איז איר געווען דער עקל גרויס.
איך בין דאָך — פלעגט זי קלאָגן זיך — פון אייזן
אַז כ'האַלט דאָס פּשוט אויס.

און טאָג און נאַכט האָט זי געהאַלטן אין איין קלערן
ווי אַזוי זי קען פון דער פּאָקראַקע פּטור ווערן.
נאָר איינמאָל, אַז די קאַץ איז איר פון שטוב אַרויס,
נישט אומגעקערט זיך אַ מעת־לעת און צוויי,
איז אויסער זיך געווען די ייִדענע פאַר צער און וויי,
פאַר בענקשאַפט איז זי איינגעגאַנגען באַלד — אַ שרעק!
און נישט אין מויל גענומען, אָפּגעקומען בלויז מיט קיי און שפּיי,
און רק אַרומגעזוכט די קאַץ ווו נאָר עס האָט די וועלט אַן עק.

# גוטס און שלעכטס

אונטערן גלעזערנעם דעק, אַ פֿאַרמאַכטע, הערמעטיש,
ציט זיך און דרייט זיך די שלאַנג,
אָט רונדיק, אָט קורץ און אָט לאַנג,
חנעוודיק, שיין, וואָלט איך זאָגן, אפֿילו גאָר פּרוויִש־קאָקעטיש,
ווען כ׳וואָלט נישט געוווּסט ווער זי איז...
בפֿרט אַז אַ פֿרוי זע איך שטיין איר אַנטקעגן —
איז קראַנטער אוודאי צו שווייגן דערוועגן,
געוויס...
ווען העכער די פֿרוי נעמט איר טאַש
צו זוכן דאָרט עפּעס אַ נאַש,
צי אפֿשר דעם פּודער, צי שטיפֿט,
דערזעט דאָ די שלאַנג ווי פֿאַרבליפֿט:
ס׳האָט איר גאָר דער טאַש צו פֿאַרדאַנקען זיין פּראַכט —
פֿון שלאַנגען־הויט איז ער געמאַכט.
די שלאַנג האָט אַ טענה דעריבער
צו דער, וואָס זי שטייט קעגנאיבער,
און צו אונדז אויך — קען זיין גאָרנישט נאַריש, גערעכט:
פֿאַרוואָס־זשע אין איר זעט מען שטענדיק בלויז שלעכטס?
אויב איז פֿאַראַנען אַ פֿרוי, אַ מרשעת
(ווי ס׳טרעפֿט זיך ביי אונדז אויף דער זינדיקער ערד),
מען רופֿט זי נישט אַנדערש — מיט פֿיינטשאַפֿט און האַס:
אוי, איז דאָס אַ שלאַנג!...
(אַ דאַנק פֿאַרן כבוד, אַ דאַנק)...
די שלאַנג ווערט מען אָבער נישט רופֿן פֿאַרקערט:
אוי, איז דאָס אַ פֿרוי!...

אַזוי צי אַזוי,
מען זעט לויטן טאַש, אַז נישט אַלץ פון דער שלאַנג
איז שעדלעך און גיפטיק און קראַנק,
און אפילו ביי איר אויך קען עפּעס נאָך זיין
אַזוינס וואָס איז גיצלעך, פאַרנונפטיק און פיין.

און פונקט ווי די הויט אירע ציט מען אראָפּ
צו זיין אונדזער שיינקייט, צו זיין אונדזער האָב,
צו זיין אַ באַפּוצונג, אַ ציר,
האָב איך אויך דעם נמשל געצויגן פון איר —
אַז אין יעטוועדן שלעכטס נאָך געפינט מען אַ קערנדל גוטס,
אַ ניצוץ פון נוץ.

1962

# דער לייב און די קעץ

נעשטאָרבן איז דער לייב, דער ליבלינג פון דער צירק־אַרענע.
עס פלעגן ציטערן די ווענט פון זיין געבריל.
איצט הערט מען נישט קיין קולות פון התפעלות מער. ס'איז שטיל...
צומאָרגנס איז אין צירק אַ כאַפּטע קעץ געקומען אָנערקענען
די מעלות פונעם נפטר און אין טרויער זיך פאַרניינן,
ווי אויך די קאָנדעלענצן זייערע מיט כבוד בייצולייגן,
געניו ווי ס'דאַרפן גוטע, פרומע לייט זיך פירן.
דער עיקר זענען זיי געקומען, אַז מען זאָל זיי אָנגאַזשירן
אויפן אָרט פון דעם פאַרשטאָרבענעם, דעם גיבור,
ווייל שטיקלעך קרובים קערן זיי זיך אָן מיט אים, דעריבער
קומט זיי בירושה און אויך על פּי דין דאָס פּלאַץ;
אין די ביכער האָבן זיי זיי אָנומלטן געלעזן,
אַז פון דער שטאָלצער ראַסע, פון דער לייבן־גזע
קומט אַרויס די קאַץ.
אמת, יאָ, זיי זענען, אין פאַרגלייך מיט אים, אַ ביסל שוואַך,
זיי זענען אָבער, ווי מען זעט, דערפאַר אין צאָל אַ סך.
נישט איינס, נישט צוויי... מיר זענען, קענעהאָרע, אַכט,
און דאָס האָט אונדז קוראַזש געגעבן און אַהער געבראַכט.
פון בריל פון לייב פלעגט איינפאַלן די מויער מיט אַ טראַך?
נו, זענען זיי דאָך אָבער אין דער צאָל דערפאַר אַ סך;
זיי וועלן מיאַוקען אַלע מיטאַמאָל
וועט עס נאָך, נישקשה, הילכן אַזוי שטאַרק ווי ס'לייבן־קול.
און זיי נעמען מיאוקען אַלע, מיאוקען שטאַרק, און יעדעס מאָל
זיי כאַפּן צו דער וואַנט אַ בליק, נאָר יענע שטייט זיך אייזן־שטאָל,

ס׳דערגייט נישט זייער קול אין צירק אַפילו צו די נאָענטסטע בענק,
און נעבעכדיק, ווי ס׳קרעכצן פון אַ זקנה בעת אַ קרענק.
בחינם אויסגעריסן זיך די העלדזועלעך די קעציש־ווייכע,
דאָ גייט נישט, האָט מען זיי געענטפערט, אינעם כמות, נאָר אין איכות.
אַ שאָד די טירחה, ליבע געסט, דאָס קומען און דאָס בעטן,
ווייל הונדערט קעץ אַפילו קענען נישט איין לייב פאַרטרעטן.

1961

# אַ חתונה פון פייגל

ערגעץ דאָרטן, סאַמע אויבן,
פּליט אַ חתונה פון פייגל:
חתן־כּלה, מחותּנים,
אונטערפירער, ווי דער שטייגער,
באַלעבאַטים שיינע, יוסטע,
פון די צדדים, פון די ביידע,
נישט געזעען נאָך אַזוינס!
פּליט די פייגלערישע עדה,
מיט געפּילדער טראָגט זיך הויך;
פריילעך, לעבעדיק און לוסטיק,
פּליִען קרובֿים, פּליט דער עולם,
חשובֿ, אָנגעזעען, גרויס,
און נאָך אים, קיין עין־הרע —
פייגל פון אַ גאַנץ יאָר אויך...

די קלעזמאָרים מיט די כּלים,
צום באַשפּילן, צום באַגלייטן,
מיט די פידלען, די קלאַרנעטן,
מיט די צימבלען, מיט די פלייטן,
מיט די פּויקן, מיט די באַסן,
און מען פּליט, און פּליט, און פּליט,
מיט אַ ניגון, מיט אַ ליד,
און מען פּליט, און פּליט, און פּליט,
ביז די פליגלען ווערן מיד...

פלוצלונג הערט מען ווי עס ברומט,
פלוצלונג זעט מען ווי עס קומט
אקעגן זיי אן עראָפּלאַן.
זאָגט אַ פויגל, אַ מחותן:
— שאַטס, איך האָב אַ פּלאַן אַ גוטן!
כ׳זע, אַז ס׳זעמער שטאַרק שוין מיד,
ס׳שטעכט און ברעכט אין יעדן גליד,
ווערט מען זעצן זיך אַ ווײַלע
אויף אַ פליגל פון דער כלי,
דאָס, רבותי, איז מײַן פּלאַן:
ס׳זעצט זיך אויפן עראָפּלאַן;
אי ס׳עט רוען, אי ס׳עט פליִען,
אי די פליגל נישט באַמיִען...

און כּך־והוה —
ס׳האָט געזעצט זיך
און די חתונה געפּראַוועט,
ס׳איז געזעסן און גערוט:
חתן־כלה, מחותנים,
קרובים, צדדים,
קליין און גרויס,
אַזאַ שמחה, אַזאַ עולם,
נישט געזען נאָך אַזוינס...
ס׳האָט אַראָפּגעלאָזט די כלים,

די קלאַרנעטן און די צימבלען,
און די פלייטן און די באַסן,
און די פידלען און די פויקן,
און מען איז אַזוי געזעסן —
אי געזעסן, אי געפלויגן,
אי געפלויגן, אי געזעסן...

און ויהי —
עס איז געוועזן
אין די יאָרן פון מלחמה,
און דעם שונאס עראָפּלאַנען
זענען פלוצלונג אָנגעקומען, —
אָנגעקומען מיט אַ זשומען,
מיט אַ זשומען, מיט אַ ברומען,
צו די כלים זיך גענומען.
ברענט די שלאַכט שוין
און מיט פייער
זיי באַוואַרפן און באַשיטן —

און די חתונה — אין מיטן...

האָט אַ פלאַם געטאָן אַ סמאַליע,
האָט אַ פלאַם אַ דריי געגעבן
פונעם עראָפּלאַן די פליגל
און צוזאַמען מיט די פליגל

פון די פײַנל חתן־כלה,
מחותנים און קלעזמאָרים
מיט די כּלים, מיט די פֿידלען,
מיט די פּויקן, מיט די באַסן,
מיט די צימבלען, מיט די פֿלייטן,
מיט די קרובֿים, די באַגלייטערס,
מיטן עולם, קליין און גרויס, —

און די חתונה איז אויס...

1946

# V

# די „פליענדיקע באָמבע" און די פליענדיקע טויב*

נעלאָזט האָט זיך אַ „פליִענדיקע באָמבע" אויפן וועג קיין לאָנדאָן,
האָט אַ פליִענדיקע טויב דערזעען זי און זיך צו איר געוואָנדן
מיט אָט די ווערטער:
— זייט מוחל, פעטער, כ'בין דאָך נישט קיין פרעמדע, הערט איר,
און אויך שוין נישט קיין היינטיקע אין דער משפחה פייגל;
כ'קען יעדן מין פון יעדער נעסט און יעדן צווייגל,
נאָר אייך, איך זע אייך ס'ערשטע מאָל פאַר מיינע אויגן,
וואָס־זשע זענט איר פאַר אַ מין, מיין ליבער פויגל?...
איך, איך שטעל זיך פאָר, איך בין אַ כשרע און ריינע טויב.

— אַ טויב? — אבי ס'וועט זיין פון וואָס צו מאַכן אַש און שטויב.
זאָל זיין. אַ טויב איז אויך מיר ליב און ניחא —
טראַכט ביי זיך די באָמבע און זי בלאָזט און פאָכעט מיט רציחה —
אַזוי, איז, הייסט עס, פליִען מיר צוזאַמען.
איך מיין, דאָס פריילין וועט נישט ברוגז זיין מסתמא
אויב איך וועל זי באַגלייטן,
ווי דער שטייגער איז ביי לייטן.
(וועט זיין באַלד, טראַכט די באָמבע, נאָך עפּעס צו טייטן...)
איך ווער כ'בין? איך בין ס'מיזיניקל פון די מלחמה־געטער.
כ'שמעטער
אַלץ, וואָס איך טרעף־אָן און איך באַגעגן,
ווייל אַלץ וואָס לעבט איז אָנגעצייכנט בלויז פאַר מיינעטוועגן,
פייער — איז מיין מין.
מיין נעסט — בערלין.

---

*) פליענדיקע באָמבע איז אָנגערופן געוואָרן די וו־1 וואָס די דייטשן האָבן אין 1944 געשליידערט אויף לאָנדאָן.

ווי נאָר זיך אויסגעפּיקט פון אייערשאָל — פון דעם שגעונדיקן שאַרכן —
פלי איך,
מיט צוגעמאַכטע אויגן, בלינדערהייט נאָך צי איך
צו אַלץ, וואָס דאַרף נאָר אונטער מיינע פליגל שטאַרבן.
און דו, מיין טייבל, מיט דיין פליען וואָס באַצוועקסטו ? —
פרעגט די פליענדיקע באָמבע און באַשמעקט זי
מיט איר חוש־הריח.

— איך, ווי מען זעט, נישט אויף קיין אָרט, חלילה, שטיי איך —
ענטפערט איר די פליענדיקע טויב — איך פלי.
שוין פון כמה יאָרן גיב איך מיר אַזוי די מי
אָפּצוזוכן אויף דער ערד אַן איילבירט־צווייגל,
ס'זאָל שלום הערשן צווישן מענטש און מענטש, ווי צווישן פייגל,
נאָר היות, אַזוי ווי איך געפין נישט — פלי איך ווייטער.

— שלום, הערסטו ! — לאַכט די באָמבע אַלץ שגעונדיקער און פאַרשייטער —
שלום, כא, כא, כא ! — אָט גיב איך אַלצדינג אַ דעק־צו,
און זיין וועט שלום אייביקער און רו...
— אַזוי גאָר ? זענט איר דאָס אַזאַ מין פויגל ? —
קוקט דאָס טייבעלע פאַרחידושט און עס פינטלט מיט אַן אויגל —
ווי איז מיר, ער רוט נישט קיינמאָל, שטענדיק פליט ער,
רעדט פון היץ, נישט דאָ געדאַכט, און פייער,
און אייער
ווען־זשע ברוט ער ?
— אייער־שמייער ! — לאַכט די באָמבע ערשט מיט שפּאָט און חוזק,
רייסט זיך איר געלעכטער הילכיק־ברוויזיק —

אייער גאָר — דאָס איז פאַר נעסטן־זיצער,
און נישט פאַר מיר, דעם הימל־בליצער,
און נישט פאַר מיר, דעם כמאַרע־שפּאַלטער,
דעם מלחמה־האַלטער! —

לאַכט די באָמבע און זי האַלט זיך פאַר די זייטן,
אַזש פון געלעכטער פּלאַצט זי אויף באַצייטנס,
ווערט רויט און בלאָ, און גיט זיך ראַפּטום אַ צעשפּריץ.
נעכפּלט איז דער טויט אויף שטיקלעך, אויף פּיץ־פּיץ,
און בוים, און בעט, און קינד, און פויגל ליגן שוין צעריבן.
און פונעם טייבעלע איז בלויז איין איינציק פעדערל געבליבן,
טראָגט עס זיך אַרום אין גרינגן ציטער
איבער וויסטקייט, ברוכוואַרג, שטויב און שפּליטער,
הייבט זיך אויף צו קלאָרע, תכלתדיקע הייכן,
ווי אַ שפּור פון לעבן אַ פאַרבליבענע, אַ לעצטער צייכן...

1945

# יונה פילאָזאָף

ווער האָט אַמאָל אין שטעטל נישט געקענט
דעם פייערלעשער יונה פילאָזאָף,
וואָס האָט נישט צוגעטאָן קיין אויג ביינאַכט,
זיך אויסגעהיט פון כאַפּן אַ געשמאַקן שלאָף,
בכדי נישט צו פאַרשלאָפן דעם געשריי :„עס ברענט !"
און נישט פאַרשפּעטיקן אַ מצווהלע פון טאָן אַ לעש.
אזוי האָט ער ביז העט אין חצות געוואַכט,
צוקאָפּנס האָט געשיינט זיין קאַסק פון לויטער מעש,
וואָס צו זיין קאָפּ פלעגט פּאַסן ווי א קרוין אים,
געלעגן איז ער אָנגעטאָן אין די תחתונים
און מיטן לייבצודאַק,
און ביי דער זייט — זיין פייערלעשער־האַק,
אַ גרייטע אין אַ קלאָץ פאַרשטעקט,
ווי ס'איז אַ רייסצאָן איינגעביסן אין אַ פרוכט אַ רייפער.
נאָר ווען עס האָט אַמאָל דאָס שטעטל זיך געוועקט
און יונה האָט דערוואַרט זיך אויף אַ שטיקל שרפה,
האָט ער אַוועקגעשטעלט זיך גאָר באַטראַכטן ס'פייער
און לויט דער שיין געפּסקנט, אַז עס ברענט גאָר ווייט,
מסתמא שטאַמט עס פון א פויערישן שייער,
צי פון אַ שטאַל אַן איינציקער אויף יענער זייט,
און לויטן רויך, וואָס ער דערשמעקט, און לויטן ווינט,
וועט ס'פייער, האַלט ער, נישט דערגיין אהער אַצינד;
די שרפה מיינט אינגאַנצן נישט זיין גאַס
און ס'לוינט אים נישט אפילו אָנצושעפּן ס'פאַס.

און טראַכטנדיק אַזוי איז ער צוריק צו זיך אַוועק,
צוריק די האַק אין קלאָץ אַריין פאַרשטעקט,
און שוין נישט קענענדיק מער גובר זיין דעם שלאָף,
האָט איינגעדרימלט אונדזער יונה פילאָזאָף.
ערשט אויפגעכאַפּט האָט ער זיך, אויפגעוועקט —
אַ שרעק! —
פון רויך, וואָס איז שוין פונעם דאַך פון נאָענטן שכן
אַ שטיקנדיקער אים אין האַלדז אַריין געקראָכן.

נישט איינער וועט זיך אין דעם משל גלייך דערקענען,
ווייל ס'איז די צייט סך־הכל גאַרנישט לאַנג,
ווען ס'פלעגן איינשלאָפן מיט דעם געדאַנק
אַזעלכע פייערלעשער יונה פילאָזאָפן,
אַז ווייטער, ערגעץ־אַנדערש־ווּ, מעג ברענען;
זיי מיינט מען נישט, אַז אָך־און־וויי —
ביז ס'האָט דאָס גרויסע אומגליק אויך צו זיי
אין שטוב אַריין געטראָפן.

# דער וואָלף און זיין קרבן

ס'האַלט דער וואָלף אַ לאַפּע אויפן ציגעלע — זיין קרבן,
וועמענס קלאָרע, ווייסע פעל איז שוין אַ ביסל רויט באַפאַרבן
פון דעם ערשטן איינביס פון די וועלפישע געשאַרפטע ציין.
איינגעלאַדן האָט דער וואָלף בתשואת-חן
אַ מתנה ראָבן, אַז זיי זאָלן אויף די צווייגן זיצן
און זיי זאָלן פון דער הייך אַראָפּ צו אים זיך בוקן,
נישט רוען מיט די שליפיעס און די שנאָבל-שפּיצן
און זאָלן ווי די פּירסום-מאַכער זיינע, גוטע-ברידער, קוקן
פון די געזעסן זייערע, באַקוועם, דערנעבן,
ווי ער וועט הערליש מיט זיין קרבן זיך אַן עצה געבן...

דעם ערשטן בלוט-פלעק טראָגט שוין ס'ציגעלע אויף זיך,
אויפן ווייסן פעלכל, ווי אַ שטעמפּל, וואָס עס מיינט
דער האַר, דער רוגזהדיקער וואָלף, דערמיט צו זאָגן:
פון מיר אַנטלויפן וועסטו מער נישט אַזוי גיך,
ווייל ביסט צו מיין רשות שוין צוגעצייכנט.
— ביסט איינגעביסן !... — נאָר וואָס האָט ער נישט קיין צייט ?...
וואָס איז ער אומגעדולדיק ?... עפּעס קען ער נישט פאַרטראָגן
דעם אומשולד-קוק פון ציגעלע, דעם כשרן און מילדן בליק...
ווי ער פאַרפאָלגט דאָס אים... כאָטש ווייט, נאָר ווייט
איז ער, דער האַר, פון מיטלייד און ווייכהאַרציקייט, געוויס!
בפרט, אַז ער האָט שוין געמאַכט דעם ערשטן ביס...

שוואַך, צוואהדיק דאָס ציגעלע נאָך לאָזט ארויס א מעקען :
— מע—גסט זיין מע—כטיק, מע—רדער, מע—ער נאָך, מעע—ער,
ס'ע—ט נקמה נע—מע—ן, ס'עט דיך פון דער ערד פאַרמע—עקן...
— טאַקע ?! — מעשה תקיף זיכער איז דער וואָלף — אַשטייגער ווער ?
אז דיינע וועלן קיינמאָל צו מיין גבורה נישט דערגרייכן.
אפשר — שפּאָט ער — זיין וועסט ד ו עס גאָר אליין ?
אַז באַלד וועט מער פון דיר נישט זיין קיין פּיצל ביין
און איבערבלייבן וועט פון דיר נישט קיין שום צייכן...
גיכער ! זאָל ער מער נישט זען איר צניעותדיקן בליק,
וואָס הענגט אים פאַר די אויגן ווי א שטראָף !
פאַרשווינדן וועט זיין אַנגסט ווען קומען וועט איר סוף,
איר טויט וועט אים באַרויקן... און שטיק נאָך שטיק
האָט ער מיט זיינע ציין אַצינד פון ציגעלע געריסן,
ביז ס'האָט איר מילדע ווייסקייט זיך פאַרלאָשן אויף דער ערד,
נאָר ווען דער וואָלף האָט אירם א לעצטן אבר שוין דערביסן,
מיט זיינע לאַפּעס אָפּגעווישט די שפּורן בלוט פון פעלד,
און ס'האָט זיין רו דורך איר נישטאָיקייט צו אים זיך אומגעקערט,
האָט פּלוצים אירם אַ ביינדל אין זיין גאָרגל זיך געשטעלט
און אים גענומען שטיקן... און א מאַטערניש און פּלאָג
איז אים דער טויט פון ציגעלע ביז היינט צו טאָג...

# הער סקעפּטיקמאַן

הער סקעפּטיקמאַן איז עפּעס גאָרנישט היינט מיט אַלעם,
ער מאַכט אויף אַלץ אַ זויערע גרימאַסע,
ס'גיט עפּעס היינט אַ נישט-געשמאַקער ריח אַ באַפאַל אים
צו וואָס ער רירט זיך צו. דאָס געלט פון קאַסע
וואָס שמעקן שמעקט עס שטענדיק אַ מחיה,
האָט עפּעס אַ נישט-היימלעכן גערוך,
דאָס זעלבע אויך די צייטונג ווי ער זוכט
דעם קורס אויף גאָלד און לעצטע בערזע-נייעס.
פון פרישטיק, וואָס די דינסט האָט ערשט געברענגט,
אויך שפּירט זיך עפּעס, נאָר ער ווייסט נישט וואָס.
אפילו אויף די בלומען אויך פאַרדרייט ער מיט דער נאָז,
די בלומען, וואָס עס האָט אים די קאַסירשע היינט געשענקט,
און אויך פון דער קאַסירשע זעלבסט, אים דאַכט זיך אויס,
(כאָטש פאַרן מויל ער ברענגט דאָס נישט ארויס)
דער זעלבער ריח, וואָלט ער שווערן, טראָגט זיך...
וואָס דאַרף מען מער: הער סקעפּטיקמאַן איז חושד און באַקלאָגט זיך
אפילו אויף די טייערסטע פאַרפומען,
מיט וואָס ער שפּריצט און גיסט אויף אַלע זאַכן אויס,
אַז אויך זיי זענען מיטן שלעכטן ריח דורכגענומען...
ווער ווייסט ווי לאַנג דאָס רעטעניש וואָלט זיך פאַרצויגן,
ווען נישט די דינסט, וואָס האָט ביים פּוצן דעם פאַרקעט, אַראָפּגעבויגן,
זיך פאָרענדיק מיט באַרשט, מיט פלעדערוויש און טוך,
דערזען הער סקעפּטיקמאַנס אַן איינגעריכטן שוך...

★

הער סקעפּטיקסאַן, וואָס פאַרן ביישפּיל כ'נעם,
איז נישט אליין. כ'קען אַנדערע וואָס שטעקן אין דער צוואה
און ווייסן נישט דערפון; ס'איז זייער פּנים פינצטער, זויער
פון וועלט-שמערץ אָן א שיעור, און לויט דעם
וואָס אויפן האַרצן ליגט ביי זיי (ווי אויפן שוך)
האָט אַזאַ טעם ביי זיי די וועלט, אַזאַ געררוך...

1950

# דער שניידער און דאָס מלבוש

אַ שניידער האָט געפּעדערט זיך צו מאַכן פּאַרטיק
אַ שטיקל אַרבעט אַן אַנטיק און שיין — גרויסאַרטיק!
אַ גאַנצע וואָך דערמיט זיך אָפּגעגעבן,
אַריינגעלייגט דערין דאָס לייב־און־לעבן,
די באָבען מיטן זיידן.
ער האָט זיך נישט געקענט דערמיט צעשיידן
און גאָרנישט אָנקוקן זיך צו דער זעט,
צום סוף געגעבן מיטן פּרעסאייזן אים נאָך אַ גלעט,
און נאָך אַ גלעט, און נאָך אַ גלעטעלע אַ גרינגס,
אַ דינטשיקס, ווי אַ ווינטעלע אַ ווייכס, אַ מילדס,
די מאַנעקין געלאָזן דרייען מיט אַ גרילץ
און ס'שטיקל לאַנג באַקוקט פון רעכטס און לינקס,
פון פאָרנט און פון הינטן און אויך פון דער זייט
און שאַרף אַזוי פאַרזשמורעט, מעשה מבין, מיט אַן אויג,
וואָס האָט געספּקט און באַשטעטיקט סוף־כל־סוף: „עס טויג" —
און האָט באַשלאָסן ענדלעך: ס'איז שוין צייט
דאָס שטיקל אַרבעט אָפּצוטראָגן צום קליִענט.
דער יוסטער באַלעבאָס האָט עס גענומען אין די הענט,
מיט ליכט געזוכט אַ שטיקעלע חסרון
און גאָרנישט, קיין פּגימה נישט געפונען.
דער שניידער האָט דערביי דאָס חיות שיער פאַרלאָרן,
אַזש גערן וואָלט ער ערגעץ־ווּ אַנטרונען,
נישט דאַרפן צוזען ווי דער קונה, כלומרשט אַ געניטער,
דרייט אַהער־אַהין אַן אַרבל ביי דעם שטיקל,
ווי מען דרייט דעם עק ביי אַ בהמה, צי אַ ביקל,

וואָס פּוילט זיך גיין צום שעבֿטהײַז, צו דער שחיטה.
ענדלעך האָט דער קונה אויסגעפונען אַ חסרון,
(אַז אַך־און־ווי צו אונדזער שניידערס יאָרן)
הגם די אַרבעט איז געווען אַ פּראַכט:
אַ קנעפּעלע איז ערגעץ אויף אַ הינטערטאַש
אים נישט געפעלן, און אויף שטויב און אַש
דאָס גאַנצע מלבוש האָט ער צוליב דעם צונישט־געמאַכט.

✶

דאָס מלבוש איז ווי אָנגעמאָסטן אַקוראַט
אויף יענעם פיינעם שרייבער־קריטיקירער,
וואָס נעמט דעם דיכטערס ווערק, ווי יעדעס בלאַט
קלינגט אָפּ מיט גינגאָלד פון זיין צאַרטער ליריק,
און זוכט מיט אייפער און עקשנות דאָרט
אַזוינס וואָס טויג נישט. און ביז ענדלעך ער געפינט
אַ פעלערהאַפט און נישט־געלונגען וואָרט,
(אַז ווי־און־ווינד
איז צו די יאָרן זיינע, דעם מחברס),
ער שטעלט זיך אָפּ דערויף און שטייט... און ער באַשיט עס
מיט ווערטער אייגענע אַ מבול, שטאַנדפּונקטן און שיטות,
און לויט דעם איינעם וואָרט ער מאַכט פון גאַנצן ווערק שוואַרץ־שבת.

# דער זייגער און די צייט

עס פירן צווישן זיך גאַנץ אָפט אַ שטרייט
דער זייגער און די צייט.
דער זייגער האַלט, הגם ער איז אַן אָנגעשטעלטע כלי,
אַז ער איז בילכער, וויכטיקער — במילא
האָט ער די פאָרהאַנט און די בכורה איבער איר —
דער צייט, וואָס איז, נישט דאָ געדאַכט פאַר מיר,
פון יעטוועדער ממשות אויסגעטאָן און אויסער זיין און ווערן;
נישט, לא עלינו, אָנצורירן זי, נישט אָנצוטאַפּן,
און נישט צו זעען זי און נישט צו הערן,
און קיין שום חכם ווייסט נישט ווי אַזוי זי אָנצוכאַפּן.
נאָך אַ מערכה ער, דער קלוגער מעכאַניזם,
וואָס ביז אים
איז זי, די צייט, געווען בלויז ווילדעניש און אָן שום מינדסטן סדר
און מ׳האָט לגמרי נישט געוווּסט ווי שפּעט ס׳איז, איידער
ער, דער זייגער, איז אַרויסגעפּאָרן צו דער צייט
אויף זיינע רעדער, ווי אַ קאָטש אַ טריומפאַלע, ברייט,
און גלייך גענומען מעסטן פּינקטלעך און גענוי
די מעת־לעתן, שעהען, רגעס, און אַזוי
האָט ער אַ טאָלק און סדר איינגעשטעלט,
עס זאָלן מענטשן וויסן וווּ זיי האַלטן אין דער וועלט.
די צייט איז רויִק און געלאַסן — זי האָט צייט.
זי לאָזט אַרויסזאָגן דעם זייגער זיך איינגאַנצן
(פון איבערשלאָגן עזותדיק איז זי גאַנץ ווייט),
זי ווייסט צו שעצן זיינע שרייפעלעך, וואָס גלאַנצן,
און אויך זיין גלאַנצפולע קאַריערע, כשר זיך פאַרדינט,

נישט מיט די עלנבויגנס האָט ער זיך צו איר געשטויסן,
(וואָס־וואָס, נאָר ער געהערט נישט, מוז זי צוגעבן, צו אָט דעם מין),
זי קען אים פּאָר אַן ערלעכן, וואָס האָרעוועט כּסדר —
אָן אָפּרו טאָג און נאַכט — מיט זיינע בעבעכעס און אינגעווייַדן...
דערפאַר אָבער געפעלט איר נישט זיין האַלטן זיך אין גרויסן
און נאָך דערצו זיך מאַכן וויכטיקער פון איר.
— די מענטשן ביסטו נויטיק אַדאַנק מיר —
טענהט זי און גיט אים על פּי שׂכל צו פאַרשטיין —
דו מעסט די שעהען — יאָ, פון דיין זייט איז עס זייער פיין,
נאָר ווען איך זאָל גאָר אויף דער וועלט נישט זיין
וואָס וואָלסטו דען געהאַט צו מעסטן ? וואָס, אַשטייגער,
מיין ליבער זייגער ?...

1947

# די ווייסע טויב און די שוואַרצע קראָ

די שוואַרצע קראָ איז זיך געוועזן שטאַרק מתקנא
אין דער ווייסער איבעראַל־באַליבטער שלום־טויב,
וואָס אַלע רעדן וועגן איר מיט פיל פאַרערונג און מיט לויב
און מ׳האַלט פון איר אַ וועלט — ווי וועלט איז נאָר פאַראַנען.
געהערט האָט זי, די שוואַרצע קראָ, גאָר זאָגן,
אַז מען זעט זי אויך, די טויב, אפילו טראָגן
אויף הענט, פּלאַקאַטן, פאָנען און אין לאַצן,
(פון וואָס דאָס האַרץ קען אַזש פּאַר קנאה און פאַר ווייטיק פּלאַצן),
און ווי די וועלט האָט נאָר אַן עק —
מען גיט איר אָפּ גרויס כבוד, דרך־ארץ און רעספּעקט;
אַנשטאָט צו זיצן, ווי דער שטייגער איז, אויף אייער,
מען זעט זי זיצן סאַמע אויבן, אין פּרעזידיומס פון קאָנגרעסן
און איר, דער קראָ, זעט אויס, בפירוש, האָט מען גאָר בדעה
אינגאַנצן צו פאַרגעסן.
הגם זי איז שוין שוואַרץ געגוג, פאַרשוואַרצן וועט מען נאָך איר נאָמען!...
באַשר זי האָט ליב צו זיצן אויף אַ צווייג, צי אויף אַ דאַך,
ווי אויף אַן אָבסערוואַציע־פּונקט, און אויסקוקן מלחמה,
צו זיצן און צו קראַקען דאָרטן אויף דער וואַך:
— קראַ — קראַ! דערהערן זאָל מען שוין אַן אויפּרייסל, אַ קראַ — אַך...
באַשר זי האָט ליב צו פּליעסקען זיך אַ ביסעלע אין בלוט,
(נו, גיי דערצייל עס איר, דער כשרער, ווי דאָס איז גוט!)
און אָנצוזאַפּן זיך אין פעלד מיט בר־מינן־געשטאַנק
און צו געניסן פון דער שלאַכט, צו פרעסן ביז צום ווערן קראַ — אַ — נק...
מלחמה איז דערויף, אַז קראָען זאָלן אָפּלעקן פון איר אַ ביינדל...

זי וועט זיך אומפליִען, די פרומע גבאיטע, אין אַלע שטעט מיט העזה
און ער, ווי הייסט ער... פּיקאַסאָ, וועט מאָלן איר פּאָרטרעט אין יעדער פּאָזע:
אָט הייבט זי אויף אַ פליגל, ווי אַ שלעפּע, מיט אַ חנדל,
אָט שטייט זי זיך געלאַסן, שטיל, ווי צו „שמונה־עשׂרה", און אָט פליט זי,
זי פליט קיין וורצלאַוו, קיין פּאַריז, קיין וואַרשע און קיין ניצע,
און ווי זי לאָזט זיך ערגעץ אין אַ שטאָט אַוועק
באַדאַרף זי צו אַ נייער רייזע תיכף אויסדרייען דעם עק,
און וווּ זי קומט, אַליין דער בירגערמייסטער נעמט זי אויף —
שוין גאָרנישט ווי אַ פּשוט און געוויינלעך עוף...

אַזוי האָט זיך די שוואַרצע קראָ געטראַכט,
פון כעס און קנאה און פון רוגזה אויפגעבראַכט,
נאָר פלוצלונג האָט זי זיך מכשפה'ש, טריומפירנדיק צעלאַכט —
אַ שפּיצל, אַ המצאהלע האָט ראַפּטום אין איר אויפגעוואַכט:
זי וועט איר אָפּנאַרן, דער ער וצדקתך, און אויך אַלע אירע פריינט־פאַרערער:
זי וועט פאַרשטעלן זיך אין ווייסע טויבן־פעדערן פון קאָפּ ביז פיס,
און מיט אַן איילבירט־צווייגל אין איר שנאָבל (וואָס באַדאַרף מען מערער?)
וועט זי זיך תיכף לאָזן פליִען קיין פּאַריז.
זי וועט זיך פאַרשטעלן פאַר פּיקאַסאָ ווי אַ מאָדעלקע —
נישט בלויז די טויב, די תקיפטע, וועט זיין ביי איב דער גאַנצער שמעלקע...

כך־הוה. און געפלויגן איז די קראָ, געפלויגן,
אין טויבן פעדערן פאַרשלייערט, מיט אַ גוטער, פרומער מינע,
געפלויגן אַזוי לאַנג און ווייט ביז פלוצלונג, מיצקעדרינען,
אין וועג דערזעען האָבן אירע אויגן

אַ פּגר פֿון אַ פֿערד, אַ פּאַדלע ליגן אויפֿן פֿעלד,
און גלייך האָט זי דערויף זיך אָפּגעשטעלט.
און אַזוי עוסק זייענדיק בפּאַדלע און אין פֿרעסן
האָט די פֿאַרשטעלטע קראָ גאָר פּשוט זיך פֿאַרגעסן
און פֿון הנאה און צופֿרידנקייט אַרויסגעכאַפּט זיך מיט אַ „קראַ—אַ" —
הגם אין פֿעלד איז קיינער נישט געווען, שטיל־שאַ,
האָט ברייט און ווייט איר „קראַ" פֿאַנאַנדער זיך געטראָגן —
און פֿון געגאַרן עמעצן וועט זי אַ צענטן שוין פֿאַרזאָגן...

1951

# דעם שניידערס נאָדל און דער כאַסנעס נאָדל

אָנגעלאָדן ס׳וועגעלע, אַז קוים עס ציט די קליאַטשע.
אויף אַ נאָווינע אַמאָל אַ שניידער פאָרט אויף דאַטשע.
זעקלעך, טעפּלעך, בעטגעוואַנט, די קינדער און די קאַץ,
און נישט פאַרגעסן אויך דאָס נעדעלע אין לאַץ.
ער קומט אין דאָרף, די ביינער ציט ער אויס און שטרעקט,
די קרייטעכצער און גראָזן רק ער שמעקט און שמעקט,
ווי אַריינשמעקן וואָלט ער געוואָלט די גאַנצע וועלט
פאַר זיין בידנע געלט.
אַז מען שמועסט דאַטשע איז דאָך גאָרנישט שייך.
ערשט אַז ער קומט אין סאָסנע־וואַלד, אַ סוד איז אויסצוזאָגן,
אַ היילונג פּשוט גייט דאָך פון זיין ריח,
און ס׳רינט די זשיוויצע פוןביימער, פון דער קאָרע,
אַז מען וואָלט געקענט זיי אונטערטראָגן
טעפּ און סלאָיען ווי אויף איינגעמאַכטס, קענהאָרע.
גייט דער שניידער זיך פון בוים צו בוים,
שעפּט לופט און נחת און קען אָפּלויבן זיך קוים
פון די סאָסנע־נאָדלען — גאָרנישט אָפּצושאַצן.
כאַפּט זיך אויף די נאָדל זיינע אין די לאַצן,
שטעלט־אונטער ס׳אויער און זי הערט דעם שניידערס שבחים,
ווערט זי אייפערזיכטיק און זי גיט אַ שטאָך אים:
אויך מיר נאָדלען... אדרבא, לאָמיר זען, כ׳בין גרייט,
דער גאַנצער וואַלד מיט נאָדלען זאָל אים אויפנייען אַ קלייד...
ווען איך זאָל אים נישט נייען טאָג און נאַכט —
פינקלט זי מיט כעס, ווערט בייז און אויפגעבראַכט —
וואָלט ער פון זיין ייִדענע געהאַט צו שמעקן באַלד
און נישט פון וואַלד...

1962

# די ביקס און דער בעזעם

ס'דערמאָנט זיך משה־יאָסלען אין זיין דינסט אין מיליטער.
ער קומט אַמאָל אַהיים אויף אורלויב, אַ מעת־לעת, נישט מער,
פון מאַנעוורעס, גלייך פון פעלד, פאַרבלאָטיקט און פאַרשוויצט,
מיט האַק־און־פּאַק און מיט דער ביקס, געדענקט ער נאָך ווי איצט.
אין אַ ווינקל פון דער קיך האָט ער די ביקס געלאָזן שטיין
און גלייך, ווי אַ געהרגעטער, איז ער אין טאַטנס בעט אַריין.
אַ פרייד געווען איז דאָס קומען, נאָר ס'צוריקגיין — אוי, אַ קלאָג.
אין דרויסן איז נאָך טיפע נאַכט און וייט נאָך, ווייט צו טאָג.
ס'האָט אים דערלאַנגט דעם פּאַק צום וואָגן. פינצטער איז געווען —
און שטאָט דער ביקס — ס'האָט אים פון קיך אַרויפדערלאַנגט דעם בעזעם.
אַ קושעניש. אַ האַלדזעניש. און מען באַוויינט אים ווי אַ מת.
ער פאָרט. אַ זעלנער מיט אַ בעזעם. איז עס חוזק, אָדער נס ?
ער פאָרט. און ווען ער איז שוין גאָרנישט ווייט פון דער קאַזאַרמע
דערזעט ער ערשט זיין גרויסע בראָך, אַז גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען.
די ביקס פאַרטוישט ! נישט אַנדערש, נאָר דער שטן האָט אַ שפּיצל
אים אָפּגעטאָן — גיט אים דער פּחד אונטערן לעפעלע אַ קיצל.
און דאָ איז ווייט שוין פון דער היים און ס'גייט דער אורלויב אויס
און ס'איז די דינסט ביי פּאָניען שטרענג און האַרב די שטראָף און גרויס.
הכלל, מען מוז זיך צושטעלן און נישט אַריינקלערן קיין סך.
און גלייך ווי ער קומט־אָן צום פּאָלק, ער דאַרף זיך שטעלן אויף דער וואַך.
ער נעמט דעם בעזעם אויפן אַקסל. טונקל איז געווען —
האָט קיינער נישט דערקענט דעם חילוק צווישן ביקס און בעזעם.
נאָר שטיין בחינם, סתם אַזוי, דאָס קען ער נישט פאַרטראָגן,
און נעמט אַריינכאַפּן אַ דאַוון — ס'האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן...

פלוצים קוקט ער אין קאַזאַרמע דורך אַ שויב אַריין,
ער זעט אַ כאָפּטע זעלנער, פריילעך, ווי נאָר זעלנער קענען זיין;
מען ווילט זיך ווילד, מען לאַכט, ווייל איינער פון די זעלנער וויל
אין שפּאַס פאַרקערן מיט אַ ביקס דעם שטיינערנעם קאַזאַרמע־דיל.
קאַטשעט מען זיך פאַר געלעכטער, אַזש מען האַלט זיך פאַרן בויך.
„אַז גאָט וויל — ווייסט ער, משה־יאָסל — שיסט אַ בעזעם אויך".
צי איז נישט גלייכער, גאָטעניו — זאָל דיך דער מוסר נישט פאַרדריסן —
ס'זאָל טאַקע זיין פאַרקערט: די ביקס זאָל קערן, אָנשטאָט שיסן?...

1962

# מלחמה־טויבן

טייבעלעך, ווי איז דאָס אייך נישט קיין בזיון!
טייבעלעך, וואָס כ׳האָב געהאַט אין אייך אַזוי פאַרטרויען,
וואָס כ׳האָב אייך געגלויבט,
וואָס כ׳האָב אייך באַזונגען און געלויבט.
איך האָב געזען רק טראָגן אייך דאָס איילבירט־צווייגל
און ס׳האָבן אַ כפרה זיין פאַר אייך געמעגט שוין אַלע פייגל.
און מער ווי איר האָט פעדערן אויף זיך
(און האָר דער דיכטער אויפן קאָפּ — ער האָט נאָך נישט קיין גאַנצן פליך)
האָב איך מיט עפּיטעטן אייך באַשאָטן,
אפשר אַמאָל מער און אַמאָל ווייניקער געראָטן:
די כשרע, די פרומע און די שיינע,
די זויבערע, די ציכטיקע, די ריינע,
און נאָך און נאָך און נאָך,
נישט אָוועקצומאַכן אַלע מיט איין פליגל־פאָך.
און ווערטער הויך־באַגייסטערטע האָב איך געזוכט פאַר אייך,
ווי ס׳פּאַסט פאַר די, וואָס קענען זיך דערהייבן אין דער הייך.
און זינט ס׳האָט נח אייער סגאַל אַרויסגעשיקט איבער דער וועלט,
איך האָב אַזויפיל אין מיין שלום־טרוים אויף אייך געשטעלט.
איך זע דאָך תמיד ווי איר ברענגט דעם שלום צו מיין טיר,
ווי אַ מתנה, אין די דינע שנעבעלעך, פאַר מיר —
אַ זיסוואַרג־פּעקעלע אַן אָנגעלייגטס, פאַרשלייפט מיט גאָלד,
מיט בענדעלעך געצאַצקעטע און אויסגעמאָלט — — — —
און אָט האָט איר, ווי ס׳פּאַסט גאָרנישט פאַר אייך, מיר אָפּגעצאָלט:
אין קליינעם גערטעלע, אין גרינעם סקווער,
ווו כ׳קום אַהער

זיך צוזעצן אַ ווײַלע אויף א באַנק
און ווו איך זוך — ווי איר אַ ברעקל — אַ געדאַנק,
אַ קינד האָט צוגעוואָרפן אײַך אַ הויפנדל מיט שפּײַז
און גלײַך האָט איר געוואָרפן זיך דערויף מיט רוגזה, בײַז,
און מער נאָך: זיך געוואָרפן אײנע אויף דער צווייטער ראַפּטום־גיך
און אין די גרינע שאַליקלעך די זײַדענע זיך שאַרף געפּיקט,
ווי יעדע וואָלט געוואָלט פאַרכאַפּן אַלץ פאַר זיך.
אַך, ווי כ'האָב זיך מיט מײַן שאַנד־געפיל געשטיקט.
מײַן גאָט!
עס פליִען פעדערלעך ווי פון אַן אויפגעטרענטער ציך.
וואָס זע איך צו מײַן ביטערניש און שפּאָט,
אַז איר אַליין גאָר, טײַבעלעך, איר פירט מלחמה צווישן זיך!...

# דער לייב און די בין

ווי אַ זומער-גאַסט, אַוועק פון טיש נאָר-וואָס אין פענסיאָנאַט,
נאָכן מאָלצייט, נאָך דער קאַווע און ציגאַר, צופרידן, זאַט —
ליגט זיך במנוחה, ברייט אַ לייב אין זיין נאָכמיטאָג-דרימל
אויף דעם זון-באַגאָסענעם צעמענט פון זאָאָ-פּאַרק,
מיט אַ פּיסק אָן אָפענעם צום הימל.
אַרום זיין קאָפּ און גריווע פונעם קאַרק
קרייזט אַ וואָלקן פון אינסעקטן אין געווימל,
ווי אַ שוואַרצער פליִענדיקער אָרעאָל.
איצט, ווען דער אַלמעכטיקער ליגט אויסגעצויגן
נישט דאָזיק, פויל, מיט האַלב-פאַרמאַכטע אויגן,
איז איינמאָל אפשר איינשטעלן כדאי פאַר אַלע מאָל,
זיך אָנגורטן די פליגעלעך פון מעש און שטאָל
און נישט געבן אים קיין רו, דעם גרויסהאַלטער און יחסן.
נאָר געלאַסן, פאַרזיכטיק, זיך היטן שטאַרק און וואַך-זיין.
אים אָפּטאָן מיט הנאה אַ הלצהלע, אַ שפּיצל,
אים געבן ביי אַ וואָנסע, צי אַ ברעם אַ קיצל,
און אַ שטאָך אַ דינעם אין זיין האַרטער פעל —
צונישט מאַכן אַזוי אַרום זיין גאווה און יחסנות.
און אָט איז ביז דעם חושך פון זיין קעל
אין זיין פּיסק אַריין אַ בין פון סאַמע גינגאָלד.
פאַרבלאָנדזשעט ? צי אַליין אַריינגעפלויגן מיט כוונה ? —
זי וועט אים זאָגן מוסר דאָרט מיט איר געשליפן צינגל...
נישט פאַר לייטן אין די אויגן, נישט פאַר אַלעמען אין דרויסן,
האַלט זי, דאַרף מען זאָגן וואָס מען טראַכט און וואָס ס'איז אויסן;

ס'דאַרף בלייבן צווישן איר און אים פאַרהאַקט, פאַרסויערט-שטייניק,
פאַרלאָזן אויף זיין חסד, אין הכנעה, איין-אַלייניק —
איר טיין, פון לייבן-פיסק פאַרשטעלט, דאַרף בלייבן אינעווייניק...
— קום אַרויס פון דאָרטן, ביסט דאָך אין סכנה! —
שרייט מען און מען וואָרנט זי — דו נאַרישע, וואָס טויג
דיין ביטערע עקשנות? אָט-אָט מאַכט ער אויף אַן אויג
און ס'מאַכט זיך צו זיין תהום און וועסט פאַרפאַלן ווערן. —
און דאָך, אין חושך פונעם פיסק, זי וויל פון גאָרנישט הערן,
ס'זענען אַלעמענס בקשות און נעבעכט איר אַלץ נאָך ווייניק —
פאַר דעם גנאָד פון אדון וועט זי קעמפן אינעווייניק...

# VI

## דער כעלעמער, וואָס פּלעגט זיך פאַרשפּעטיקן

אַ ייִד פון כעלעם פּלעגט זיך זייער אָפט
פאַרשפּעטיקן צו זיינע וויכטיקסטע עסקים,
פאַר אָט דער צרה, וואָס האָט נישט געהאַט קיין סוף,
האָט דער זייגער בלויז, לויט אים, די שולד געטראָגן,
ווייל שטענדיק פּלעגט ער אין זיין וועסטל־טאַש זיך איילן נאָר און יאָגן,
ווי אויף להכעיס אָפּטאָן אים, כאָטש נעם, צעהאַק און בראָק אים.
נישט אַנדערש — טראַכטן פּלעגט דער ייִד פון כעלעם —
משמעות, נישט כ׳בין ווערט ביי אים און נישט כ׳געפעל אים.
פאַרשפּעטיקן זיך פּלעגט דער ייִד כסדר:
צום מנין און, להבדיל, צו דער באַן,
צום יאַריד, צום דאָקטער, צו דער באַנק,
צום רב, צום דיין און, להבדיל, אויך צום בעדער,
און אַפילו אויך צום פּריץ, דעם וויעלמאָזשני פּאַן.
ביז איינמאָל איז דעם ייִד נאָר איינגעפאַלן אַ געדאַנק:
ער וועט אראָפּציִען דעם זייגער פון זשילעט,
פאַרוואַרפן אים און אוים מיט אים, נישטאָ,
ער זאָל נישט יעדעס מאָל באַדאַרפן אָפּוואַרטן מיט אַנגסט די שעה.
און מער זאָל קיינמאָל שוין נישט זיין פאַר אים צו שפּעט...

## דער גרויסער ווייזער און דער קלײנער ווייזער אויפן ציפערבלאַט

דער גרויסער ווייזער און דער קלײנער ווייזער אויפן ציפערבלאַט
האָבן נישט געלעבט בשלום צווישן זיך,
נאַנץ אָפט געווען צעקריגט, אויף מעסער־שטעך כמעט.
נישט פאַרטראָגן האָט דער גרויסער, וואָס דער קלײנער גייט נישט אַזוי גיך
ווי ער, דער אָנגעזעענער, דער גרויסער ווייזער.
פון אומרו אָפגעלאָזט, האָט ער געדרייט זיך און געברומט, אַ בייזער
פון אומצופרידנקייט, וואָס שטאָט דעם קלײנעמס פינף מינוט
אַרומגיין מוז ער אויפן ציפערבלאַט אַ קימאַ לן און אַזוי גוט
ווי פינקטלעך און גענוי אַ גאַנצע שעה.
און ווען עס פלעגן ביידע זיך צוזאַמענקומען ערגעץ ביי אַ ציפער,
איז, הימל עפן זיך, אָט דאָ
די שנאה נאָך געוואָרן גרעסער, טיפער.
מ׳האָט נאָר געהערט : „דו לאַנגער פלאָקן״, „קלײנער קריכער״, „באַלעמוט״
און נאָך אַזעלכע צונעמען, אַשטייגער,
ווי „קורצער פרייטיק״, „הויכער דראָנג״, „צעלייגער״.
און מ׳איז געשטאַנען, זיך פאַרשפּעטיקט, און געשאָטן בלויז באַליידיקונגען,
אַזש ס׳איז געווען אַ חרפה ממש פאַרן זייגער,
און זיי רופנדיק צו אָרדענונג, האָט ער די שעה געקלונגען,
ווי ס׳קלינגט אַ פאָרזיצער, אַ פּרעזידענט, און מיטן גלעקל שוויצט ער,
נאָר נישט באַרויִקן האָט ער געקענט די ווייזערס די צעהיצטע.
כאָטש קלײן, האָט זיך דער קלײנער ווייזער שטאָלץ געהאַלטן, הויך,
געטענהט : כאָטש פּאַמעלעך, איז זיין גיין נאָר וויכטיק אויך,
בכן, צוּוואָס דאָס איילעניש ? ווּ ברענט ?...
די חוצפה האָט דער גרויסער ווייזער שענקען נישט געקענט
און איז אַרויס פון אַלע שרייפעלעך און כלים,

און אויפגעטאַכט אַ פּיסקל טאַקע ווי אויף שרויפן,
אַז אויב דער קליינער ווייזער וועט נישט הערן בשום־אופן
און וועט נישט אונטעריאָגן זיך, ווי ער, און איילן,
און וועט נישט גיין מיט אים אין שפּאַן, ווי ער, דער גרויסער ווייזער —
איז וועט ער ווייזן אים אַ גיין,
אַז גיין וועט ער ביי אים איבער די הייזער !...
און פאַר זיין עזות און אָקעגנרעדן שיין
וועט ער נישט צערעמאָניען זיך און גיך
אים אָפּטשעפּען פון זיך,
אים אָפּרייסן פון זיינערס לייב־און־לעבן,
קיין האָן זאָל נישט אַ קרייע טאָן, ס'געוועורק אַ קרעכץ נישט געבן.

כך־הוה. און דער גרויסער ווייזער האָט זיין מיטגייער און שכן
מיט כעס און מיט פאַראַכטונג אָפּגעבראָכן,
געגעבן אים פון זיך אַ וואָרף, אַ שליידער — — — —
און ס'גייט דער זייגער ווידער זיך זיין גאַנג, זיין סדר,
אָן שטערונג שפּאַנט דער גרויסער ווייזער פריי, אַליין, בלויז איינער.

נישט מער, ווי שפּעט ס'איז, פרעגט בחרם, ווייסט נישט קיינער...

## דער קאַנטשיק, די האַנט און דער געשמיסענער

אין מיין שטעטעלע אַמאָל, אין יענע אַלטע גוטע צייטן
(ס'פירט מיך בלינדערהייט אַהין מיין פען און איך פאַרשרייב),
האָט ר' געצעלע מלמד, ווי דער שטייגער איז געווען ביי לייטן,
אַ חדר־יינגל אָפּגעשמיסן אויפן בלויזן לייב,
אַזש ס'איז דעם יינגלס הינטער־חלק אויפגעלאָפן ווי אַ בראַנד,
און צוויי בטלנים, יונגעלייטלעך, זעענדיק דעם רבינס שמיץ,
האָבן אין אַ פּילפּול זיך אַריינגעלאָזט מיט ברען און היץ:
וואָס אַזוינס איז גורם, אייגנטלעך, דעם ווייטיק:
דער קאַנטשיק צי די האַנט?
— זאָל יעך זאָגן: ס'איז אים גורם בלויז דער קאַנטשיק? —
רופט זיך אָפּ דער ערשטער יונגערמאַנטשיק —
וואָס־זשע וואָלט דער קאַנטשיק אויפטאָן דען געקענט
ווען ס'זאָלן אים נישט אָננעמען דעם מענטשנס הענט?
— זאָל יעך זאָגן: גורם איז די האַנט אַליין דעם ווייטיק? —
מיטן גראָבן פינגער דרייט דער צווייטער —
איז צוואָס־זשע איז בכלל דער קאַנטשיק נייטיק?
וואָלט מען דאָך געקענט באַגיין זיך אָן אים!...
איז אַ סברה... איז גערדונגען... — פּילפּלען אַלץ זיך די בטלנים
און זיי קענען גאָרנישט קומען צו קיין לאַד
ביז עס מישט זיך פּלוצים גאָר אַריין אַ דריטער צד:
דער „זייט־זשע מוחל" פון געשמיסענעם, וואָס פייערט
פון דעם מלמדס שמיץ און בושה־ליידן:
— טיפּשים! נישט דער האַנט און נישט דעם קאַנטשיק, נייערט

פרעגט מיך און פּילפּולט זיך נישט איבער זיי —
כ'בין דאָ דער הויפּט־מחותן און דער גאַנצער ווייסער;
נישט דעם, צי יענעם וועל איך אויסקלייבן פוןביידן,
ווייל איינעם קען איך בלויז, וואָס טוט מיר ווי:
דעם שמייסער.

# דער שניימענטש פון כעלעם

די מעשה האָט אין כעלעם זיך פאַרלאָפן,
ווען אין אַווינטערנאַכט איז שוין געשלאָפן
די גאַנצע שטאָט אין איינגעהייצטע היימען;
געוואַכט האָט בלויז איין מענטש אין גאַס — דער שניימענטש,
וואָס ווייסע חברה האָט געמאַכט אין דרויסן,
אַ בעזעם אים אַריינגעשטעקט אַ גרויסן —
ווי ס'איז דער דין — און מיט אַ גראָבן שטעקן,
אים אָנגעטאָן אַ הוט — אַן אַלטן בעקן,
באַחנטע אויגן אים געמאַכט פון קוילן —
און הערשן איבער כעלעם אים באַפוילן.
כאָטש חברה־לייט, און כעלעמער דערצו נאָך,
זיי האָבן נישט ביינאַכט קיין רו געפונען,
אַ מיטלייד איז באַפאַלן זיי ביז אימה:
ווי קען מען לאָזן שטיין אין גאַס דעם שניימענטש
אַליין, אויף אַזאַ ווילדער קעלט און פרירן
בעת אונדז איז וואַרעם הינטער שלאָס און טירן? —
און אַז דער צער זאָל קיינעם מער נישט קלעמען
באַשליסט מען אים אין שטוב אַריין צו נעמען.
כך־הוה. ס'האָט דער שניימענטש זיך באַוויזן.
ס'איז, ווי דער שניי, ביי יעדן ריין ס'געווויסן.
פאַרוויקלט האָט די פערענע די גלידער
און ס'איז, באַרויקט, איינגעשלאָפן ווידער.

נאָר אַז ס׳האָט אויפגעכאַפּט זיך אין באַגינען
איז נישט געווען דעם שניימענטש צו געפינען.
גאַנץ כּלעם רעדט פון נס, וואָס האָט געטראָפן,
ווי ס׳איז דער שניימענטש פון דער שטוב אַנטלאָפן...
אין איילעניש פאַרגעסן בלויז דעם שטעקן,
דעם בעזעם און דעם הוט — דעם אַלטן בעקן...

## דאָס דיריגיר - שטעקעלע און די מוזיק - אינסטרומענטן

אַזוי פיל האָט ער, משה־יאָסל, פון קאָנצערטן שוין געהערט,
אַז ס'האָט אים אויך פאַרגלוסט זיך אויסצוהערן אַ קאָנצערט.
איז ער זיך אין אַ זונטיק צום קאָנצערטזאַל מיט זיין ווייב אַהין,
אַרויסגעשלעפט האָט ער ווי פון אַ סקלאַד, אַ מאַגאַזין,
די גאַנצע וואַטע פונעם רעכטן אויער,
אַז ער זאָל הערן גוט פאַר די פאָר פראַנק און מיט הנאה...
וואָס קוקט מען עפּעס בייז אויף אים, ווי ער וואָלט אַלעמען געקוועלט ? —
ער טאָר שוין נישט קיין וואָרט אַרויסרעדן אַפילו פאַר זיין געלט !...
מילא, וועט ער אָפּקומען מיט שווייגעניש, נישט רעדן.
ער זעט, מען מאַכט דאָך נאָר ס'געגאַר פון אים אינגאַנצן :
דאָס מענטשל ביים אָרקעסטער דאָרט... ווי הייסט ער ?... —
קאַפּעלמייסטער —
שטייט אָן דרך־ארץ מיטן הינטן אויסגעדרייט צו אים, צו יעדן,
אַפילו צו די שענסטע דאַמען און די רייכסטע לייט,
כאַטש נעם און קוק אַזוי די גאַנצע צייט
אויף דער פּלייצע פון זיין פראַק און שטיקל פליך, וואָס גלאַנצן.
ס'דרייען רעדער זיך פאַר משה־יאָסלס אויגן, רויט און בלאָ און גרין —
ס'שווינדלט אים דאָס שטעקעלע, מיט וואָס דאָס מענטשל דרייט אַהער־אַהין,
ווי דאָס וואָלט זיך וועלן פאַרן עולם אויספּיינען, באַווייזן,
און ווען ס'דרייט־אויס דעם קאָפּ און גיט אַ פּאָכע מיט די פינף־זעקס האָר,
וואָס זעט ער, משה־יאָסל, גאָר ?
דעם שטעקעלע, אַ שרייבפעדל די גרויס, וואָס יענער גיט דאָרט אַ פאַרהויב,
פּאַטשט מען בראַוואָ און מען גיט אָפּ כבוד און אַ לויב,

אוּן די כּלים פֿוּן אָרקעסטער, ריזן, גאַנצע הייזער,
קאָנטראַבאַסן, קעסלפּויקן, ווי די העלפֿאַנטן און בערן,
וואָס זיי לאָזן מער פֿון אַלע אויפֿן גאַנצן זאַל זיך הערן,
לאָזט מען אין אַ זייט און ס'איז טבייש זיי בפּרהסיא.
אוּן ווּ איז יאַנדעס, ווּ איז יושר, טעטיע ?

# דער קראַנקער און דער טערמאָמעטער

זוען די שוועסטער, ווי אַ ווייסער שאָטן, שלייכט זיך צו,
גיט עס שוין דעם קראַנקן אין זיין בעטל נישט קיין רו.
ווי נאָר זי דערלאַנגט אים מיט אַ פאַך דעם טערמאָמעטער,
קען ער שוין נישט איינליגן אויף זיין געלעגער בשום־אופן,
ווי אַ שרעק פאַר זיינע אויגן בלייבט ער הענגען, זעט ער,
אויב נישט ווי די שווערד איז ווי דאָס קניפּיקל פון מלאך־המוות
(נאָר מיט אים איז קראַנטער נישט צו מאַכן קיין קאַטאָוועס,
נישט אָנהויבן מיט אים, אים לאָזן לויפן)...
מעסט מען אים, דעם קראַנקן, יעדן טאָג דעם פיבער.
לאָמיר גלויבן אים, ער וואָלט באַשטאַנען ליבער
אַ קאָסטיום, אַ גאַרניטער זיך צו לאָזן מעסטן
פון ענגלישן שטאָף און טאַקע פונעם סאַמע בעסטן.
נאָר, ווי פאַרעקשנט, יעדן טאָג דער פיבער טרעט נישט אָפּ.
אַז שולדיק איז אין אַלץ דער טערמאָמעטער!
עס ציט אַרויף זיין פּאַסיקל פון זילבער ווי אַ שלאַנג,
צו געבן מיט איר סם־המוות אים צום גאָרגל אַ דערלאַנג.
וואָס וואָלט געשאַט אים, ער זאָל טאָן אַזוי אַ פאַל אַראָפּ?
זעט אוים, אפנים,
אַז אויף די שטריכן זיינע, ווי אויף שטאַפּלען, אין געקלעטער,
עס ציט אים רק אַרויף, ווי אויף להכעיס אָפּצוטאָן אים.
דעם קראַנקן נעמט אַ קאַלטער שווייס באַשלאָגן:
ער קען דעם פיבער מער נישט אויסהאַלטן, אַריבערטראָגן,
כסדר זען דעם טערמאָמעטער פאַר די אויגן הענגען.

ווי נאָר עס וועט אים נאָך אַמאָל די שוועסטער ברענגען,
מיטן גאַנצן כוח וועט ער
אים טאָן אַ זעץ אין דר׳ערד, אַ שמעטער,
צעברעכן אים אויף שטיקלעך, אויף פּיץ־פּיץ,
ער זאָל אויף שטענדיק פּטור ווערן פון דער היץ...

# די לעבעדיקע בלומען און די קינסטלעכע בלומען

עס שטייען אויף דער עטאַזשערקע צוויי בוקעטן,
איינער איז פון לעבעדיקע בלומען און דער צווייטער —
פון קינסטלעכע און פאַלשע, נאָר איך בין אַ גרייטער
מיט אַלעמען זיך וועטן,
אַז קיינער וועט דאָ נישט דערקענען
וועלכע פון די ביידע זענען
פאַלש און וועלכע עכט.
נאָר נישט מער,
זיי אַליין, די בלומען, ווייסן ווער ס'איז ווער.
מיר דאַכט, זיי וועלן באַלד אַ שפּרונג טאָן פון די וואַזעס
און זיך רייסן פאַר די קעפּ, ווי הענער אין געפעכט.
די פאַלשע בלומען, ווי געוויינלעך פאַלשע, האָבן חוצפה, עזות,
און שפּעטן פון די עכטע, ווי נאָר ס'קענען נאָכגעמאַכטע:
— באַלד וועט איר דאָ, שוואַכלינגען, אָוועקפאַלן פאַרשמאַכטע,
פאַרוואַרפן מיט די קעפּעלעך פאַרחלשטע און קראַנקע,
אַזש מען וועט ארויפגיסן אויף אייך אַ גאַנצע קאַן.
— און אייך? דאָס גאַנצע וואַסער, וואָס אין ברונעם איז פאַראַן,
אייך העלפן קען דאָך ווי אַ טויטן באַנקעס...
— וואָס? מיר דאַרפן וואַסער? מיר? מיר ווערן דען פאַרוויאַנעט?
— אוודאי... וויאַנען קענען די, וואָס האָבן וועלן געבליט,
און זון און רעגן האָבן זיך פאַר זיי געמיט —
האָבן אויף דערויף די עכטע בלומען שטאָלץ געטענהט.
נאָר אויף דעם זיך אָפּגעריסן האָבן האַסטיק
יענע, די געמאַכטע פון פאַפּיר, צי פלאַסטיק:

— וויסן זאָלט איר, קורץ איז אייער עולם־הזה,
לאַנג נאָך דעם, ווי איר וועט זיין אויף שטויב צעפאַלן,
וועלן מיר נאָך שטיין דאָ אין דער וואַזע.
— אַזאַ מין שטיין אין וואַזע איז אונדז בלויז מבזה
און קיינער וועט פון אונדז נישט זיין דערויף קיין בעלן —
נישט אָפּטרעטן די עכטע בלומען ווילן פון געפעכטס —
מיר ווילן בעסער לעבן קורץ, נאָר ערלעך, שיין און עכט.

# די שפּין און דער פּאָעט

אין אַ ווינקל ביי דער סטעליע האָט אַ שפּין געהאַט
אַ שפּינערײַ, אַן אייגענעם וואַרשטאַט;
פלעגט זי דאָרט מעת-לעתן גאַנצע שפּינען
פאַר קיינעמסוועגן, אָן אַ שכל, אָן אַ זינען,
שטאָפּן, לייוונטן פון אַלע מינים,
נישט צו מעסטן מיט קיין מעטערס, קיין אַרשינען.
אויף קיין רגע מאַכט זיך קיינמאָל נישט איר ווערקשטעל צו,
זי ווייסט נישט פון קיין אָפּשטעל, קיין הפסקה, פון קיין רו,
פון קיין זונטיק, פון קיין שבת, פון קיין פרייטיק,
ווייסט נישט קיינמאָל פון קיין מידקייט, פון קיין ווייטיק.

זיצט ביים טיש קעגנאיבער אַ פּאָעט,
לייגט ער גלייך אַוועק זיין פּענע ווי נאָר ער דערזעט
אין איר פאַרטועונקייט און פלייס — די שפּין,
און פרעגט איר: זאָג מיר, נאַרישע, וואָס האָט עס פאַר אַ זין
כסדר נאָר צו שפּינען און צו וועבן ?
צי בעט דיך ווער, זאָלסט גאָר די מי זיך געבן ?
שטענדיק אין די נעצן דיינע, קיינמאָל נישט קיין רגע פריי,
וואָס-זשע האָסטו, שפּין, פון גאַנצן שפּינערײַ ?

די שפּין האָט אויסגעטשוכעט זיך אַ ווייל פון איר געפלעכט
און אים געענטפערט, אפשר טאַקע גאָרנישט אומגערעכט:
— און דו, פּאָעט מיינער, דו קאָפּ-מענטש, חכם איינער,
צי שפּינסטו נישט די גראַמען דיינע כאָטש עס בעט דיך גאָרנישט קיינער ?

## די געשטופּלטע מצה און דאָס געשטופּלטע פּנים

אַ ייִד, וואָס האָט געהאַט אַ פּנים אַ געשטופּלטס, לא עלינו,
האָט מצות איינמאָל ערב פּסח צו זיין הויזגעזינד געבראַכט,
און גלייך האָט ער פון קויש אַרויסגענומען איינע
און זי געהאַלטן אין דער האַנט און זי באַטראַכט;
ווי אין אַ שפּיגל האָט ער לאַנג אין איר זיך איינגעקוקט.
זע נאָר, זע נאָר! — האָט ער מיט אַ ברעם געצוקט —
די מצה איז דאָך גאָר געשטופּלט פּונקט ווי ער !
פול מיט לעכעלעך, ווי זיין געזיכט ! נישט מער,
איר האָט מען בכיוון דאָס געמאַכט אַליין,
זיי גיבן איר נאָך צו דערמיט אַ חן,
און אים?... שוין בעסער נישט פון דעם צו קלערן... עך! —
און גיט פאַר כעס די מצה אַ צעברעך...

אַזוי איז מיט נישט איין זאַך שוין אויף אונדזער וועלט:
עס ווענדט זיך וו ו, אויף וו ע ל כ ן אָרט וי זוערט געשטעלט.

# די וועלט און דער ציגל

אין אַ ווינטערדיקן טאָג פון מיין קינדערשן אַמאָל.
הינטערן אויוון פון בית־מדרש אין קאָריוו.
אין דער רובע זשאַרעט שוין אוים דער טאָרף,
האַלט שמאָל.
דער אויוון ווערט קילער, נאָר ס׳האַלטן זיך נאָך אָן אים
מדינה־גייער, אָרעמעלייט און בטלנים.
כאַפּט איינער, אַ צעדולטער, זיך אָן אין אַ ציגל,
וואָס שאָקלט זיך, אַזוי ווי אַ צאָן, שוין קראַנק און פויל,
אין אַ פינצטער, זקניש מויל,
און ווענדעט זיך צו די אַרומיקע פון עיגול :
יידן, הערטס מעך אוים!
די וועלט, זאָג איך ענק, האַלט זיך אויף אַ ציגל,
אויף אַן איינציקן ציגל בלויז.
ס׳איז פשוט: פון אַ ציגל מיט אַ ציגל ווערט אַ וואַנט,
פון אַ וואַנט מיט אַ וואַנט ווערט אַ הויז,
פון אַ הויז מיט אַ הויז ווערט אַ גאַס,
פון אַ גאַס מיט אַ גאַס ווערט אַ שטאָט,
פון אַ שטאָט מיט אַ שטאָט ווערט אַ לאַנד,
פון אַ לאַנד מיט אַ לאַנד ווערט אַ וועלט...
יידן! — ווערט פון אימה דער בטלן בלאַס —
טשעפּעט נישט דעם ציגל, ווי ליב ס׳איז אייך גאָט!
(און דערביי האָט ער די וואַנט מיט דער פּלייצע פאַרשטעלט)
טאָמער פאַלט ער, חלילה, דער ציגל, אַרוים,
איז אַ קלאָג צו אונדז אַלע, די סכנה איז גרוים,
די וועלט קען נאָך איינפאַלן! די וועלט!...

★

גיי זוך דאָרטן איצטער דעם ציגל און געפֿין,
האָב איך מינדעסטנס געפֿונען אין די היץ־רייד אַ זין,
אַן דאָס ריזיקע, דאָס גרעסטע איז געבונדן מיטן פּרט,
און לזכר דאָס פֿאַרשריבן אין מיין העפט, אויפֿן בלאַט.

1962

# VII

# קיך־פּאַראַד

### א. די קיך איז פול מיט קלאַנגען

די קיך איז פול מיט קלאַנגען אַלערליי,
ווי נאָכן מאַרק מיט קלייִנגעלט פול אַ טייסטער;
די פּאַנען אויף דער וואַנט, ׳צעהאָנגען אין אַ ריי,
ווי אַן אָרקעסטער אָן אַ קאַפּעלמייסטער.

עס זענען פייַן און ליב די ריחות פון די טעפּ,
צונויף פון בלומענטעפּ געשמאַקער, אָנגענעמער.
עס גיט די קיך צו זיך מיט היימישקייט אַ שלעפּ,
מען לאָזט זיך גערן פון איר שלעפּן, וואָס אַן אמת...

געהאָרכזאַם אין דער שאַנק צעשטעלט איז דאָס געשיר,
ווי אין קאַזאַרמעס אויסמושטרירט — אין פּאַכן.
ס׳איז איצטער שטיל אין קיך, נאָר אָט, כ׳מאַך־אויף די טיר —
זי רעדט זיך אויס פאַר מיר מיט כלים און מיט זאַכן:

ב. דאָס ריבאייזן

אמת איז,
אַז שיין איז עמעץ אַנדערש און נישט איך.
געווים,
מען שטעלט זיך נישט אַרוים מיט מיר אין קיך.
וואָס בין איך דען, מישטיינס געזאָגט?
מיט לעכער פול געשטופּלט, ווי מען ווייסט,
הגם כ׳האָב נישט געמאָזלט און געפּאָקט.
אויב וויל מען איינעם אויסמאָלן ווי ער איז מיאוס —
„וואָס קען זיין מיאוסער נאָך? —
אַ פּנים פון אַ ריבאייזן" — כ׳הער זאָגן בייזע צינגער.
און דאָך... און דאָך... —
(און זאָל דאָס זיין מיין טרייסט)
ווער לעקט פון מיינע לאַטקעס נישט די פינגער?

ג. דער קאָכלעפל

סײ יום־טובֿ און סײ װאָך
איך טומל זיך און קאָך,
איך מיש זיך אומעטום,
איך האװע, טראָג זיך אום
אין טעלער, פאַן און טאָפּ,
און װאָס פֿון דעם איך האָב
איז בלויז אַ מיאוסן שם,
אויף חוזק און פֿאַרשעם.
איך בין אין אַלע טעפּ
און מײַן חיונה כ׳שעפּ
פֿון זײ בצימצום, קוים,
בלויז פּאַרע, זאָט און שוים.
און כאָטש איך הערש, טײל־אױם —
איך בין דער מעקלער בלויז
פֿון טעפּל צום געשיר
און ס׳איז נישטאָ פֿאַר מיר,
נאָך דעם װי כ׳קאָך זיך, מיש,
צומאָל קײן אָרט בײַם טיש.

## ד. דאָס זאַלץ

איך בין אין קיך דאָס ביליקסטע און פּראָסטע.
איך קום אַרויס פון ערד און שטיין.
און דאָך, זאָל, אדרבא, זיך אָן מיר באַגיין
די באַלעבאָסטע.
עס איז פאַר קיינעם נישט קיין נייעס,
אַז איך בין ווייט אין קיך פון לויטערן, געשמאַקן וויין,
צי גאָר פון איידעלן און פיינעם שמן־זית.
ווי קום איך דען צו זיי, די מיוחסים שטאָלצע ?
מיין יחוס־קייט, ווי כ'האָב געזאָגט, איז שטיין און ערד.
נאָר, אדרבא, זאָגט מיר, כ'בעט אייך,
וואָס פאַר אַ ווערט
וואָלט אָן מיר געהאַט דאָס רייכסטע מאָלצייט,
אַפילו קאַפּהענער, נישט רעדנדיק שוין פון אַ פּראָסטן רעטעך.
כ'בין גאָרנישט — ביליקער, געמיינער זאַלץ.
און דאָך — דער טעם אין אַלץ.

## ה. דאָס וואלגערהאָלץ

אַבי איך האָב געמיינט,
כ׳בין בלויז אַ וואַלגערהאָלץ, אַ כלי סתם,
ווי אַלע כלים אין דער קיך, נישט מער ;
ערשט, ווי איז מיר, איך האָב דערוווּסט זיך היינט
אַז איך בין גאָר אַ וואָפן, אַ געווער :
עס האָט מיט כעס געכאַפּט מיך די מאַדאַם
און הערט און הערט,
מיך אויפגעהויבן ווי אַ שווערד
(נישט ווי, חלילה, צו אַ בלעטל טייג)
און געשריגן צו איר מאַן : „כאַמולע, שווייג !
אַנישט דערהרגע איך דיך אויפן אָרט !"
ווי איז מיר, מיט מיר באַניין אַ מאָרד ?!
ניין, שלאָגן עמעצן וועל איך — אַ פייג !
נישט קיינעם אָנרירן וועל איך,
חוץ דאָס, וואָס מיר געהערט אין קיך —
אַ בלעטל טייג.

### ו. דאָס קאַווע־מילעכל

איך רו נישט איין, איך אַרבעט גיך.
איך מאָל און מאָל און מאָל,
נאָר ס'האָט די באַלעבאָסטע ניין מאָס רייד,
נישט איך.
איך מאָל און מאָל און מאָל,
נאָר מאָלט איך, פון מיין מויל גייט נישט אַרויס צומאָל
קיין שום רכילות, גאָט באַהיט, צי שקרים.
מיך גייט נישט אָן אינגאַנצן וואָסער קלייד
עס האָט געטראָגן נעכטן די מאַדאַם צום באַל
און וועלכע צירונג אויפן האַלדז און אָרעם.
הכלל, ׳
כ'בין מודה, מיך גייט אויך נישט אָן לגמרי אויף קיין האָר
וואָס צווישן מאַן און ווייב קומט פאָר.
מען זאָגט, ער האָט
(ס'זאָל בלייבן צווישן אונדז, ס'זאָל זיין בסוד)
אַ צווייטע אין דער זייט...
אַזאַ געמייניער יונג...
ששש... ביים זיך אָפּ די צונג...
איך בין פון פּליאָטקעס און רכילות זייער ווייט...

כ'זאָג נאָך אַמאָל, מיך גייט נישט אָן
וואָס עס טוט זיך אינעם שלאָפצימער, צי אין סאַלאָן,
איך מיש זיך דאָרטן נישט אַריין, בין נישט טשעקאַווע.
נישט ניין מאָס רייד — נאָר קאַווע מאָל איך, קאַווע.
און כ'האָב אין זינען בלויז
זי זאָל געפעלן, שמעקן פיין די הערשאַפטן אין הויז.

## ז. די זיפּ

וועו ס׳נעמט די באַלעבאָסטע מיך אין אירע הענט אַריין
און ווי אַ קינד צום שלאָפֿן, וויגט מיך איין,
נעמט גלייך אַ ליכטזייל שיטן זיך פֿון מיר, אַ שיין,
און שטראַלן ציִען זיך פֿון מיר און פֿאַלן,
ווי כ׳וואָלט געווען די זון־רייף, נישט קיין זיפּ.
און טיילמאָל דוכט מיר, ס׳שטראָמען פֿון מיר קוואַלן
ווי פֿון אַ גרינער באַרגיקייט אַראָפּ.
בלויז איך די איידלקייט דעם טייג דעם פֿיינסטן גיב ;
פֿון זויבערקייט די פּסולת טייל איך אָפּ,
דאָס זעמלמעל זאָל ווערן ציכטיק־ריין,
דערפֿאַר די פּסולת בלייבט פֿאַר מיר אַליין.

## ת. די מילך

כ'לעבן, וואָס זאָגט איר דערויף ?
איך האָב נישט קיין פּיס און איך לויף...
איך לויף מיר פון טעפל — לויף-אויס,
ווי נאָר איך צעקאָך זיך, צעברויז.
דאָס איז אייך נישט, כ'וויים, צו דער האַנט
ווען איך גיי אַריבער דעם ראַנד ;
איך נים זיך אַריבער דעם טאָפּ,
מיין ליכטיקע שוים פאַלט אַראָפּ —
אַ שניי-ווייסע בלום — כריזאַנטעם,
נאָר איר ווילט נישט וויסן פון דעם ;
וואָס בלום ? כריזאַנטעם ? צי גאָר רויז ?
איר ווייסט נאָר : די מילך לויפט אייך אויס...
איך לויף — ווען מען קוקט מיר נישט נאָך...
איך לויף — ווייל איך זיד און איך קאָך.
איך לויף — ווייל איך קאָך און איך זיד.
איך לויף — ווען איך ווער נישט געהיט...
דאָך — טראָצדעם וואָס כ'קאָך זיך, אַ שרעק —
כ'וועל ווייט נישט פון טעפל אַוועק...

**ט. דער טשייניק**

קאָלענע קאָכלעפל איז מיט קאָמפּלעקסן פול
(ווי ער איז פול גאַנץ אָפט מיט גריץ און יויך),
באשר ער האָט נישט אין קיך,ביים טיש זיין אָרט ;
קאָלענע וואַלגערהאָלץ באַקלאָגט זיך אויך
און צאָרנט, גרימט,
אַז מען וויל, נישט דאָ געדאַכט, מיט אים באַגיין אַ מאָרד.
מען קען דאָך פשוט פון די טענות ווערן חסר־דעה, דול.
בלויז איך, איך בין מיר אויפגעליינגט און גוט געשטימט.
כ׳שטוים אָפּ פון זיך דעם שלעכטן מצב־רוח ווי אַ באַלעם.
כ׳בין פריילעך און איך זינג מיר און איך פייף —
און פייף אויף אַלעם.
ווייל איך באַנעם, באַגרייף
אַ שמחהלע אין הויז, ווען ס׳קומען אָן
משפחה, קרובים, ליבע געסט,
און מען דערלאַנגט זיי, ווער מיר גוטס גינט, אַלדאָס בעסט.
פאַרע גיב איך ! און זי פּאָכעט ווי אַ פאָן
און דעם קאָפּ פאַרהייב איך ווי אַ האָן
אין באַגין צו זיין גוטמאָרגן־קריי.
און אַלעמען דערקוויק איך מיט אַ גלעזל טיי.

### י. דער בעזעם

מען קען מיך גרינגשעצן, ווי איינעם נאָר געפּעלט,
צי שפּעטן ווי פון נידעריקסטן אין דער וועלט
און אויסרעדן אויף מיר וואָס אין דער קאָרט —
איך האָב אין קיך דאָס לעצטע וואָרט,
איך האָב אין קיך דאָס לעצטע וואָרט.

1961

# VIII

# פיר משלים פון לאַ פאָנטען

### דער ראָב און דער פוקס

דער אדון ראָב איז אויף א צווייג געזעסן איינגעבוינן,
נעהאַלטן זיך אַ קעז אין שנאָבל, אַ גנבהלע אַ כשרס.
דער אדון פוקס, צוליבן ריח צוגעצוינן,
געהאַלטן האָט פאַר אים אזאַ מין דרשה :
„גוטמאָרגן אייך, הער ראָבמאַן, אָ, ווי פיין!
ווי חנעוודיק איר זעט מיר אויס, ווי שיין !
באמת, אויב ס'איז אייער קול נישקשה
און שטייט נישט אָפּ פון אייער פעדערן-הלבשה,
זענט איר דאָס אויבערשטע פון שטייסל אינעם וואַלד".
דאָס הערנדיק צעגייט דער ראָב פאַר נחת באַלד;
און וועלנדיק באַווייזן ס'שיינע קולעכל, זיין נאָב,
צעעפנט ער דעם שנאָבל, און דאָ פאַלט זיין קעז אראָפּ.
עס כאַפּט אים גלייך דער פוקס, זיך ווענדנדיק צום ראָב:
„מיין ליבער, הער זיך צו צו מיר מיט קאָפּ :
דער חונף לעבט פון דעם, וואָס יענער וויל אים הערן;
די לעקציע איז ווערט א קעז, אָן צווייפל, קען איך שווערן."
דער ראָב פאַרשעמט, באַליידיקט און געטראָפן שווער,
האָט צוגעזאָגט, אַז דאָס וועט אים נישט טרעפן מער.

## דער וואָלף און דער הונט

א וואָלף איז דאַר געווען, ממש הויט־און־ביין,
ס׳פּלעגן אַזש די הינט ביי זיין באַווייזן זיך אַנטלויפן באַלד.
טרעפט איינמאָל אָן דער וואָלף אַ הונט, אי שטאַרק, אי שיין,
וואָס האָט אומפאַרזיכטיק פאַרבלאָנדזשעט נאָענט פון וואַלד.
עס וואָלט געווען אַ יושר אים צערייסן, זאָגט ער צו זיך אין געדאַנק;
מען וואָלט דאָס ביי ר׳וואָלפן נישט באַדאַרפט זיך בעטן לאַנג,
מען האָט אָבער אויף דעם געמוזט זיך שלייפן גוט די ציין
און ער איז נישט געווען גראָד בכוח ווי ס׳געהער צו זיין
צו שלאָגן זיך און זיך באַשיצן ווי אַ גיבור,
האָט ער אַרומגעדרייט זיך לעבן הונט הכנעהדיק דעריבער,
געמאַכט אים קאָמפּלימענטן פיינע, אָנגענעמע, ליבע,
אויף דעם וואָס ער, דער כלב, איז נישט דאַר.
„איר זעלבסט וואָלט אויך געקענט, מיין פיל־געשעצטער האַר,
זיין פעט ווי איך און קרעפטיק, מאַכט דער הונט,
פאָלגט מיך, פאַרלאָזט דעם וואַלד, ס׳וועט זיין פאַר אייך געזונט;
ס׳איז דאָרטן אייער סגאַל אויף גאָר געהאַקטע צרות,
שלעפער זענט איר, וואַלגערט זיך אין קאַלטע נאָרעס,
פאַרמשפּטע אויף הונגער צו קראַפּירן,
איר קענט זיך נישט ביים עסן פריי ווי לייטן פירן,
אַלץ ביי אייך איז אויפן שפּיץ פון מעסער.
קומט מיט מיר, ס׳וועט זיין פאַר אייך פיל בעסער.“
דאָ פרעגט דער וואָלף: „וואָס וועל איך דאַרפן טאָן דערפאַר?
— כמעט ווי גאָרנישט — זאָגט דער הונט — בלויז מענטשן איבערשרעקן,
פאַרטרייבן בעטלער אָפּגעריסענע און די, וואָס טראָגן שטעקנס;

צו חנפענען די באַלעבאַטים, נושא חן צו זיין ביים האַר;
פאַר דעם וועט אייער שכר
זיין אָנגעזועען, שיין:
פון עופות און פון רינדפלייש אָפּלעקן אַ ביין,
נישט רעדנדיק שוין פון אַ גלעט פון צייט צו צייט.״
עס זעט זיך שוין דער וואָלף אין זאַטקייט און אין גליק,
וואָס רופט אַרויס ביי אים אַ טרער פון פרייד.
נאָר דאָ דערזעט ער ווי דער האַלדז ביים הונט איז אויסגעפּליקט.
„וואָס איז דאָס? — פרעגט ער — גאָרנישט, ס׳איז אַ קליינינקייט.
— דאָך? — ס׳איז פון פאַסעק, וועלכער האַלט מיך צוגעבונדן צו דער קייט.
— צוגעבונדן? — זאָגט דער וואָלף — איר קענט נישט, הייסט עס, לויפן
ווו איר ווילט? — נישט שטענדיק, ניין, וואָס האָט עס דען פאַר אַ באַדייט ?
— ס׳באַדייט, אַז כ׳בין אייך מוחל די מאכלים פון די פיינע לייט,
און ווען מען זאָל מיך אָפּגילטן אפילו, בשום אופן
וועל איך נישט לאָזן בינדן זיי מיין האַלדז.״
דאָס זאָגנדיק אַנטלויפט ר׳וואָלף און אַזוי לויפט ער אַלץ.

## דער מלאך־המות און דער האָלצהעקער

א האָלצהעקער אַן אָרעמאַן, באַדעקט פון קאָפּ ביז פיס מיט סכך,
אונטער לאַסט פון האָלץ און יאָרן' איינגעבוינן,
האָט געקרעכצט, געשפּאַנט פּאַמעלעך, שוואַך,
צו זיין שטיבל נישט דערשלעפּט זיך, נישט דערצוינגן.
ער קען נישט אויסהאַלטן שוין מער זיין יאָך דעם שווערן,
ער לאָזט אַראָפּ דעם בינט און נעמט פון זיינע צרות קלערן:
וואָסער נחת האָט ער אויף דער וועלט, מישטיינס געזאָגט?
איז ווער נאָך אומגליקלעך אַזוי ווי ער? — האָט ער זיך שווער באַקלאָגט —
קיינמאָל נישט קיין ברויט צו זעט און קיין מנוחה,
עס מוטשען אים דאָס ווייב, די קינדער, די מלוכה,
די בעלי־חובות און דער צינדז, דער עיקר,
רייסן פּשוט פון אים לעבעדיקע שטיקער.
אויס פאַרצווייפלונג רופט ער נאָכן מלאך־המוות,
יענער ווייסט נישט פון קיין חכמות און קאַטאָוועס,
לאָזט לאַנג נישט בעטן זיך, באַווייזט זיך אין נעאייל
און פרעגט וואָס ס'איז דעם האָלצהעקערס פאַרלאַנגען.
דער בעט נאָר ס'בינטל האָלץ פון הינטן אים צוריק אַרויפדערלאַנגען,
דער מלאך־המוות קען נאָך אויף אים צוואַרטן דערווייל...

דער טויט היילט אויס אונדז, וואָס אַן אמת, יעדן ווי דעם הארבן,
נאָר גלייכער נישט צו איילן זיך צו אים בכלל;
בעסער איז צו ליידן איידער שטאַרבן —
דאָס איז פון לאַנג דעם מענטשס אַן אַלטער כלל.

## צוויי מוילאַיזלען

צוויי מוילאייזלען געצויגן האָבן אונטערוועגס. האָט איינער
געטראָגן האָבער און דער צווייטער — ס׳שטייער־געלט;
דער איז שטאָלץ געווען מיט אַזאַ לאַסט אַ חשובער און פיינער
און טראָגן איז ער גרייט געווען זי ביז עק וועלט.
געגאַנגען איז ער מיט אַ גדלותדיקן שריט, פאַררייסן,
געלאָזט זיין גלעקל קלינגען, ווי ער וואָלט געטאָן צו וויסן,
מען זאָל זען און הערן ווער דאָ גייט, אפנים.
פּלוצים האָבן זיך באַוויזן וואַלד־גזלנים
און פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל זיי געבן
דאָס געלט אָדער דאָס לעבן;
אַ גאַנצע באַנדע, אַ חברותא וואַרפט זיך מיט געוואַלד
אויף דעם שלים־מזל פון מלוכה־צינדז און אים באַפאַלט,
פאַרשטייט זיך, ס׳מוילאייזל פּרובירט פאַרטיידיקן זיך באַלד,
כאַפּט מכות רצח אָבער, קלעפּ, און יאָמערט, קלאָגט.
— איז דאָס דער שכר, פרעגט ער, וואָס מ׳האָט מיר צוגעזאָגט?
אָט דאָס מוילאייזל, וואָס גייט אין וועג מיט מיר,
דרייט זיך גלייך אַרויס פון דער געפאַר, נישט־מיר, נישט־דיר,
און איך, איך פאַל אַוועק, איך פגר, איך קראַפּיר.
— ווי דו זעסט, מיין פריינט, זאָגט אים זיין שכן,
איז נישט תמיד גוט אַ חשובער און פיינער פּאָסטן;
וואָלסטו געדינט, ווי איך, אַ מילנער אַ געוויינלעכן און פּראָסטן,
וואָלט מען דיר די ביינער איצט אַזוי נישט אָנגעבראָכן.

# צוויי כינעזישע משלים פון מיטלאַלטער *

## דער לוין

עס האָט אַ מוזיקער אַמאָל פאַרלאַנגט אַלס לוין
פאַר אַ קאָנצערט אין קעניגלעכן הויף
צען טויזנט גאָלדענע דוקאַטן, און דערויף
איז גלייך דער קעניג איינגעגאַנגען,
און שוין האָט זיך דער מאַן געפעדערט אויסצונעמען
מיט זיינע אָנגענעמע, זיסע קלאַנגען,
וואָס מען קען זיך ביי די געטער נישט מיט זיי פאַרשעמען.
ווען ס'האָט דער קינסטלער אין זיין נויט דערמאָנט,
און דערביי די שכירות זיינע זיך געמאָנט,
האָט דער קעניג אים געזאָגט: — דער קלאַנג
איז נישט ממשותדיק, אָן ווערט, אָן האַפט.
די פרוכטן, וואָס דיין מי' באַשאַפט,
אין דיינע הענט באַוויז מיר און דערלאַנג.
— אומטעגלעך איז מיר צו דערפילן דיין פאַרלאַנג.
— דאַן האָבן נישט די שכירות קיין שום ווערט
פאַר אָט דער מי, וואָס כ'האָב זי בלויז געהערט.
דו הער נאָר אויס, מיין פריינט, דעם קלאָרן טאָן
פון מיינע' גאָלדענע דוקאַטן אין מיין טאַש,
וואָס קלינגען ווי די גלעקער פול מיט רעש.
אַ יעדער צאָלט' זיך אויף זיין שטייגער, ווי ער קאָן:
איך גיב דיר אָפּ צוריק אַ קלאַנג פאַר דיינס אַ קלאַנג. —
און אָט דעם ענטפער האָט ער זיך פאַרדינט פאַרן געשאַנק:
— גרויסער קעניג, דו ביסט פיין און קלוג;
איך מיט קלאַנגען בין שוין איבערפולט פון לאַנג,
נאָר דו ביסט טויב צו אמתער מוזיק און ליידן,
און כאָטש מיט גאָלדענע דוקאַטן ביסטו רייך גענוג,
ביסט דו דער אָרעמער, דער אביון פון אונדז ביידן.

---

*) לויט אַ פראַנצויזישער ווערסיע

## דער לייב און דער שאקאל

א שאַקאַל פלעגט בעטן זיין חיונה ביי א לייב,
וואָס פלעגט אים עפּעס לאָזן פון זיין מאָלצייט־איבערבלייב.
איינמאָל, ווען ער איז נאָך אָט־דעם ביסל שפּייז געקומען,
האָט דער לייב אים אויפגענומען אויפן שענסטן אופן,
אַרומגעשמעקט, און פלוצלונג אים אין פּיסק אַריין גענומען.
— שענק מיר ס׳לעבן, וועסט זיך עולם־הבא קויפן! —
האָט געבעטן רחמים דער שאַקאַל ביים גבר,
נאָר ס׳האָט געענטפערט אים דער לייב: — מיין קינד, זיי וויסן,
דאָס האָב איך דיך ביז איצט געקאָרמעט בלויז דערפאַר,
אַז דו זאָלסט זיין פאַר מיר אַ פעטער ביסן.
נישט איינער שטאַרבט, פאַרבלייבנדיק דער נאַר,
נישט האָבנדיק באַנומען צביעותדיקע שטיק אַזוינע
פון אַזאַ ענלעכן און פרעכן שונא,
ווי אָט דער לייב, דער האַר.

# אינהאַלט

## I


די נוס און דער ניסנקנאַקער .. 11
דער שטאַם און די בלעטער .. 12
די שווערד און דאָס כירורג־מעסער .. 14
דאָס אייז און די זון .. 16
בינען .. 18
דער דונער און די פייגל־פּאָר .. 19
דער זיידוואָרעם .. 20
די גאַנדז און די גענדזענע פּענע .. 21
די תּפיסה און די קלעטער־פּלאַנצן .. 22
דער פיש אין אַקוואַריום .. 23
דאָס בילד און די ראַם .. 24
דער בעל־תּוקע און דער שטן .. 26


## II


שבת און וואָך .. 31
די פּערל און די פּערלגרויפּן .. 32
דער אָרעמאַן און די זשופּיצע .. 34
דער גוף און די קליידער .. 36
דער בוים און דער וואָרצל .. 38
צוויי ביכער .. 40
דער וואָלף און דער מענטש .. 42
אַן אייגענער טאָן .. 44
טויבן און מענטשן .. 45
קרוינען .. 46
גאָלד און פייער .. 48


## III


די ליטווישע פיש און די פּוילישע פיש .. 53
צווישן חיות .. 54
צוויי הענער .. 56
דאָס שעפעלע .. 58
צוויי פערדן־קעפּ באַגילדטע .. 59
די קענגור .. 60
די שטרוים .. 61
דאָס קינד און דער העלפאַנט .. 62
דער חזיר וואָס היט ריינקייט .. 65

די פּרעש און די ציגן .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 66
די קוואַקע .. .. .. .. .. .. .. .. .. 68
דאָס פּישעלע .. .. .. .. .. .. .. .. .. 70
דער העלפאַנט און די פּילן .. .. .. .. .. .. .. 72
ראָבן .. .. .. .. .. .. .. .. .. 74
דער וואָלף און דאָס לעמעלע .. .. .. .. .. .. .. 76

## IV

אַ פערד אויף דער פּאַשע .. .. .. .. .. .. .. .. 81
אין שפּאַן .. .. .. .. .. .. .. .. .. 82
די קו מיטן גלאָק .. .. .. .. .. .. .. .. .. 83
סוף זומער .. .. .. .. .. .. .. .. .. 84
פערד אויפן שליאַך .. .. .. .. .. .. .. .. 85
דאָס לאָשיקל .. .. .. .. .. .. .. .. .. 86
דער פונק .. .. .. .. .. .. .. .. .. 90
דאָס אייזל פון משיח .. .. .. .. .. .. .. .. 92
די יידענע און די קאַץ .. .. .. .. .. .. .. .. 94
גוטס און שלעכטס .. .. .. .. .. .. .. .. 96
דער לייב און די קעץ .. .. .. .. .. .. .. .. 98
אַ חתונה פון פייגל .. .. .. .. .. .. .. .. 100

## V

די „פליענדיקע באַמבע" און די פליענדיקע טויב .. .. .. .. 107
יונה פילאָזאָף .. .. .. .. .. .. .. .. .. 110
דער וואָלף און זיין קרבן .. .. .. .. .. .. .. .. 112
הער סקעפּטיקמאַן .. .. .. .. .. .. .. .. .. 114
דער שניידער און דאָס מלבוש .. .. .. .. .. .. .. 116
דער זייגער און די צייט .. .. .. .. .. .. .. .. 118
די ווייסע טויב און די שוואַרצע קראָ .. .. .. .. .. .. 120
דעם שניידערס נאָדל און דער סאָסנעס נאָדל .. .. .. .. .. 123
די ביקס און דער בעזעם .. .. .. .. .. .. .. .. 124
מלחמה־טויבן .. .. .. .. .. .. .. .. .. 126
דער לייב און די בין .. .. .. .. .. .. .. .. 128

## VI

דער בעלעמער וואָס פלעגט זיך פאַרשפּעטיקן .. .. .. .. .. 133
דער גרויסער ווייזער און דער קליינער ווייזער אויפן ציפערבלאַט 134

דער קאַנטשיק די האַנט און דער געשמיסענער .. .. .. .. 136
דער שניימענטש פון בעלעם .. .. .. .. .. .. .. .. 138
דאָס דיריגיר־שטעקעלע און די מוזיק־אינסטרומענטן .. .. .. 140
דער קראַנקער און דער טערמאָמעטער .. .. .. .. .. .. 142
די לעבעדיקע בלומען און די קינסטלעכע בלומען .. .. .. .. 144
די שפּין און דער פּאָעט .. .. .. .. .. .. .. .. 146
די געשטופּלטע מצה און דאָס געשטופּלטע פּנים .. .. .. .. 147
די וועלט און דער ציגל .. .. .. .. .. .. .. .. 148

# VII

## קיך־פּאַראַד

א. די קיך איז פול מיט קלאַנגען .. .. .. .. .. .. .. 153
ב. דאָס ריבאייזן .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 154
ג. דער קאָכלעפל .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 155
ד. דאָס זאַלץ .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 156
ה. דאָס וואַלגערהאָלץ .. .. .. .. .. .. .. .. .. 157
ו. דאָס קאַווע־מילעכל .. .. .. .. .. .. .. .. .. 158
ז. די זיפּ .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 160
ח. די מילך .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 161
ט. דער משייניק .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 162
י. דער בעזעם .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 163

# VIII

## פיר משלים פון לאַ פאָנטען

דער ראָב און דער פוקס .. .. .. .. .. .. .. .. 167
דער וואָלף און דער הונט .. .. .. .. .. .. .. .. 168
דער מלאך־המוות און דער האָלצהעקער .. .. .. .. .. .. 170
צוויי מוילאייזלען .. .. .. .. .. .. .. .. .. 171

## צוויי כינעזישע משלים פון מיטלאַלטער

דער לייב .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 172
דער לייב און דער שאַקאַל .. .. .. .. .. .. .. .. 173

## פון זעלבן מחבר דערשינען :

**ברויט און בליי** (לידער) לובלין 1934

**דאָס פייפל אין די בערג** (לידער) וואַרשע 1936

**אויפן אַש פון מיין היים** (פּאָעמע) פּאַריז 1945

**אַ בוים צווישן חורבות** (לידער און פּאָעמעס) פּאַריז 1947

**צווישן רואינען און רושטאָוואַניעס** (רייזע־איינדרוקן פון פוילן) פּאַריז 1949

**אַ רעגנבויגן איבער גרענעצן** (לידער און פּאָעמעס) פּאַריז 1950

**דער ניגון פון דורות** (דראַמאַטישע פּאָעמע) פּאַריז 1950

**געקליבענע לידער**, וואַרשע 1954

**אַ לייטער צו דער זון** (לידער און פּאָעמעס) פּאַריז 1954

**בלומען פון באַדויער** (לידער און פּאָעמעס) פּאַריז 1959

פאַרענדיקט דעם דרוק דעם ערשטן
אויגוסט טויזנט ניין הונדערט צוויי
און זעכציק אין דער דרוקעריי פון
יוסף שעכטער אין פאַריז. געדרוקט
נפתלי מילנער